בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

במסיבה להחזקת המוסדות

## א' ויצא תשכ"ז (חלק ב)

וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ

• במדרש: יש חיוב לתת כל ממונו ללמד תורה לעצמו ולבניו • הנותן צדקה לכפרת עָוֹן מותר לבזבז אפילו כל ממונו • העוסק בתורה שמכפרת עָוֹן דַּי לו בְּמַעֲשֵׂר או בְּחוֹמֶשׁ לצדקה • כִּי גָדַל 'מְאֹד', ס'זאָל וואַקסן 'געלט' לנותני צדקה • טעם שלא נכתב בתורה מה שיעקב עָסַק בַּתּוֹרָה י"ד שנים בְּבֵית עֵבֶר • דבר שהיה סוד בשעתו, לא נתפרסם בכתוב. והטעם לזה • דרגות שונות ביצרו של עֵשָׂו: קודם שנולד, בקטנותו, בבן י"ג, ובבן ט"ו שנים • מה שעשה יַעֲקֹב, רצה גם עֵשָׂו לעשות כדוגמתו, כדי לְרַמּוֹת • מעלת הַתּוֹרָה עדיף ממעלת הַבְּכֹרָה • שְׁמַעְתָּא בָּעֵי "צְלוּתָא" לשון "תפילה", שצריכין להתפלל לִזְכּוֹת לתורה לשמה • הזכות שבית המדרש יקבע בארץ ישראל תלוי בכֹּחַ הַתְּפִלָּה שיש בו • כשעוסקים בִּתְפִלָּה זוכים לסייעתא דשמיא שהלימוד מביא תכלית של כֹּחַ הַתּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם, וּכְבוֹד שָׁמַיִם •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ג לפ"ק



KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

הקונטרסים שיצאו בשנים שעברו אין רשות להעתיקם ולהפיצם וּשְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא יַעֲשׂוּ עַוְלָה (צפניה ג, יג), וכבר נאמר וְאַל תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה (איוב יא, יד).

צו מנדב זיין לרגל אַ **שמחה** אָדער אַ **יאָרצייט** וכדומה רופט: **1-718-388-5519**

**לשון קדשו** - קונטרס **ריג** (חלק ב) (**23** מינוט מתוך 49) **זייער קלאָר** ★★★★★

---

**לשון קדשו** צענטראלע נומער:

**929-522-1515**

דרוק **1** צו הערן די **רעקארדינגס**: דערנאך **930**

פאר הערות דרוק **3**

ארץ ישראל: **072-3275205**

קאנאדא: **438-797-0770**

ענגלאנד: **0330-350-3110**

פעקס: **718-650-2970**

**קול אוצר יהודא**

ברוקלין: **718-298-4641**

ארץ ישראל: **072-3333419**

**16→1→727.2**

**צו מנדב זיין דורכ׳ן טעלעפאָן** (דאָנערי): **#1700 845-366-2793**

---

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **שמואל קעסטנבוים** הי״ו
לנישואי בנו החתן **אהרן הערש** נ״י
עב״ג בת הרב ר׳ **יחזקאל לאקס** הי״ו

הר״ר **פישל ריספלער** הי״ו
לנישואי בתו עב״ג החתן **שלמה** נ״י
עב״ג בת הר״ר **הילל קליין** הי״ו

הר״ר **יואל קעסטנבוים** הי״ו (ב״ר שלום מאיר)
לנישואי בנו החתן **שלמה יעקב** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **אברהם מאיר שווארץ** הי״ו

הר״ר **יואל שטערנבערגער** הי״ו
לנישואי בנו החתן **אברהם זיידא** נ״י
עב״ג בת הר״ר **יודא לערנער** הי״ו

הר״ר **יואל פריעדמאן** הי״ו (ב״ר משה)
לאירוסי בתו עב״ג החתן **יצחק אייזיק** נ״י
עב״ג בת הר״ר **יוסף אהרן לעפקאוויטש** הי״ו

הר״ר **יחזקי׳ פייבול ווייס** הי״ו
לאירוסי בנו החתן **ישי** נ״י עב״ג בת
בת הר״ר **חיים יואל כהן** הי״ו

**זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די**

# וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרבני החסיד והמפואר, איש יקר רוח מאוד נעלה, אוצר כל כלי חמדה וסגולה, היה דבוק ומקושר לרביה״ק זי״ע בכל נימי נפשו

מוה״ר **אלתר יששכר בעריש**
ב״ר **ישראל מנחם** ע״ה **שווימער**
נפטר ח׳ כסלו תשל״ג

הרה״ח הישיש מוכתר בשם טוב, ירא שמים מרבים, נעים הליכות, קבע עתים לתורה, תלמיד רביה״ק זי״ע בקראלי ובסאטמאר, וכל ימיו התחמם לאורו

מוה״ר **שמואל זאב** ז״ל **פריעדמאן**
ב״ר **אפרים פישל** ע״ה
נפטר ט׳ כסלו תשע״ה

הרה״ח המופלג בתורה, פיזר נתן לאביונים, רחים ומוקיר רבנן, דבוק ומקושר לרביה״ק זי״ע, וזיכה את הרבים בהעתקת דברי תורתו ששמע מפה קדשו כמה שנים לטובה

רבי **שמואל** ז״ל **אבערלאנדער**
ב״ר **אליעזר** ע״ה
נפטר י״ב כסלו תשע״ה

לע״נ האשה החשובה והצנועה

מרת **דבורה** ב״ר **מאיר נפתלי צבי** ע״ה
אשת הרה״ח ר׳ **דוד באש** ז״ל
נפטרה י״ב כסלו תשמ״ב לפ״ק

KolSatmar.com

### יב

# קושיות ודקדוקים בפסוק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ

די גאַנצע פרשה [מה שנדר יעקב נדר לאמר] **אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה וגו׳, וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה וגו׳, וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ.**

### יג

### קושיא ה

הלא האבות קיימו כל התורה, ובפרט נתינת מַעֲשֵׂר שמפורש בפסוק אצל אברהם ויצחק, ובודאי קיים יעקב זה גם מקודם, ואם כן לפי פשטות הכתובים דהנדר הוא שיתן מעשר, אינו מובן מה הוסיף לנדור עתה יותר ממה שנהג מקודם לזה

**ה) פרעגט מען די קשיא,** [דהלא האבות] **זיי האָבן דאָך געהאַלטן** [מצות] **מַעֲשֵׂר, אברהם אבינו האָט דאָך נאָך געגעבן מַעֲשֵׂר** (לך יד, כ).

[ובאמת] **זיי האָבן מקיים געווען כל התורה כולה,** [נאָר] **איבערהויפּט מַעֲשֵׂר שטייט אַרויס אין פסוק** (שם, ותולדות כו, יב) - **זאָגט דאָך דער רמב״ם** [וראב״ד][א], - [אַז] **ער האָט מַפְרִישׁ געווען מַעֲשֵׂר.**

**נו וואָס האָט ער דאָ מְקַבֵּל געווען אַזאַ זאַך וואָס ער דאַרף ׳סיי ווי סיי׳ טון.** [והלא הדרך הוא] **אַז מ׳וויל טון עפּעס אַ נֶדֶר,** [מקבל עליו איזה] **׳תוספת׳ בְּעֵת צָרָה**[ב]**. נו אַז ער וויל** [לנדור בעת צרה], **דאַרף מען דאָך טון אַזוינס וואָס מ׳איז נישט מְחוּיָב** [געווען פון פריער, ולא כענין מַעֲשֵׂר וואָס] **מ׳איז סיי ווי סיי מְחוּיָב** [געווען, דכבר נהגו האבות בזה].

### יד

**און אַז ס׳איז נישט קיין** [נֶדֶר אין אַן] **עֵת צָרָה? נאָר פָּשׁוּט פְּשַׁט, האָט ער** [דען] **נישט געגעבן קיין מַעֲשֵׂר** [ביז דעמאָלטס]**?**

[והלא] **ער האָט דאָך מקיים געווען אַלע מִצְוֹת.**

[ומלשון הפסוק וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, איז משמע] **לכאורה** [אַז] **׳הערשט דעמאָלטס׳ האָט ער געזאָגט איך וועל געבן מַעֲשֵׂר.**

---

[א] **ברמב״ם** (מלכים ט, א): על ששה דברים נצטווה אדם הראשון, על עבודה זרה, ועל ברכת השם, ועל שפיכות דמים, ועל גילוי עריות, ועל הגזל, ועל הדינים. אף על פי שכולן הן קבלה בידינו ממשה רבינו, והדעת נוטה להן, מכלל דברי תורה יראה שעל אלו נצטוה. הוסיף לנח אבר מן החי, שנאמר (נח ט, ד) אַךְ בָּשָׂר בְּנַפְשׁוֹ דָמוֹ לֹא תֹאכֵלוּ, נמצאו שבע מצות. וכן היה הדבר בכל העולם עד אברהם. **בא אברהם ונצטוה יתר על אלו במילה**, והוא התפלל שחרית. **ויצחק הפריש מעשר**, והוסיף תפלה אחרת לפנות היום. ויעקב הוסיף גיד הנשה, והתפלל ערבית. ובמצרים נצטוה עמרם במצות יתירות, עד שבא משה רבינו, ונשלמה תורה על ידו.

**ובהשגת הראב״ד שם**: וכן היה הדבר בכל העולם וכו׳ והוסיף תפלה לפנות היום. אמר אברהם, כן היה ראוי לומר, **והוא התפלל שחרית, והפריש מעשר**, ויצחק הוסיף תפלה אחרת.

וז״ל **הכסף משנה שם**: טעם הראב״ד, משום דכתיב באברהם וַיִּתֶּן לוֹ מַעֲשֵׂר מִכֹּל. ואפשר לומר לדעת רבינו, דבאברהם לא אשכחן שעישר ממונו, והתם דוקא עישר השלל הבא בידו, ולא בתורת מעשר, אלא לפי שכבדו מלכי צדק בהוצאת לחם ויין וברכו, ורצה לתת לו מעשר השלל. אבל יצחק הוא הראשון שעישר ממונו לשם מעשר, כפי דרשת חכמים ז״ל (בראשית רבה סד ו, ועוד) בוַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה שְׁעָרִים (תולדות כו, יב). ודעת רבינו שכל אלו המצות מעצמם עשאום, ולכן לא הזכיר נצטוה רק במילה.

[ב] וכמבואר **בבראשית רבה** (ע, א) והובא **בתוספות חולין** (ב.) דמכאן שנודרין בעת צרה. והיינו דאף דבעלמא כתיב (קהלת ה, ד) טוֹב אֲשֶׁר לֹא תִדֹּר מִשֶּׁתִּדּוֹר וְלֹא תְשַׁלֵּם, והנודר אע״פ שמקיימו נקרא רשע, וכאילו בנה במה (נדרים כב.), מ״מ בעת צרה מותר לנדור, וכן נפסק **בשלחן ערוך** (יו״ד רג, א-ה), עיי״ש באורך. וע״ע **שם** (רכח, מה) דנדר שנדר בשעת צרה, אין להתיר אלא לצורך מצוה או לצורך גדול. [וכל זה להלכה, אמנם **בשבט מוסר** (פרק כ, אזהרה טו) הזהיר בשם **ספר חסידים** (סימן תכ, ועיי״ש בסימן תג) דבדורות האחרונים יהא אדם זהיר מאוד שלא לנדור אפילו בעת צרה, פן יכשל בעון נדרים, עיי״ש באורך].

KolSatmar.com

**טו**

**קושיא ו**

**ו)** [גם יש לדקדק באומרו ״עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ״, שהוא] **אַ טאָפּלט לשון.**

**טז**

ס׳איז דאָ פְּשָׁטִים פאַרשידענע אין **דברי חכמינו ז״ל**[ג], - איך וויל נישט מַאֲרִיךְ זיין, - אין דברי חכמינו ז״ל איז דאָ אַסאַך פְּשָׁטִים [בפסוק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ].

דער **ישמח משה** (בפרשתן) **זאָגט** [אויך] **כַּמָּה פְּשָׁטִים** [דערויף], **און אַלע ספרים. ס׳איז דאָך ידוע. נאָר וואָס מ׳קאָן זאָגן נאָך** [לדרכינו].

**יז**

**קושיא ז**

להבין יתור הלשון עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ ״לָךְ״

**ז)** [גם יש להבין יתור הלשון עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ ״לָךְ״, דהיה סגי שיאמר] **וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, איך וועל מַעֲשֵׂר׳ן, ווייסט מען דאָך** [שוין] **וואָס מ׳טוט מיט מַעֲשֵׂר,** - [וכדכתיב] **עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר** (ראה יד, כב), **שטייט דאָך אין די פסוקים** [לשונות כאלה, ולא הוסיף לומר ״לָה״ כי מובן זה מאיליו] - [ולמה בכאן הוצרך להוסיף לומר] **אֲעַשְּׂרֶנּוּ ׳לָךְ׳, איך וועל מַעֲשֵׂר׳ן פאַר דיר,** [אָדער] **פון דיינעט וועגן.**

פאַר וועמענס וועגן דען? פאַר וועמענס וועגן דען וועט ער יעקב אבינו מַעֲשֵׂר׳ן?

וואָס דאַרף ער אַרויסזאָגן עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ ׳לָךְ׳.

אין די תּוֹרָה שטייט דאָך נישט קיין ׳איבעריג וואָרט׳.

**יח**

# קושיות ודקדוקים בענין ישיבת יעקב בְּבֵית עֵבֶר

מבואר בדברי חכז״ל, שקודם הליכתו של יעקב לחרן, ישב י״ד שנים בבית עבר ועסק בתורה

**דאָ איז געווען אַזאַ זאַך.**

**׳אַזוי ווי׳**[ד] **ער איז אַרויסגעגאַנגען פון בְּאֵר שֶׁבַע, איז ער דאָך פערצן יאָר געווען באַהאַלטן בְּבֵית שֵׁם וְעֵבֶר** [וואו] **ער האָט געלערנט**[ה].

[אמנם] **קיין רֶמֶז וּרְמִיזָא איז נישטאָ אין פָּסוּק אויף דעם**[ו], **אַז ער איז געגאַנגען לְבֵית שֵׁם וְעֵבֶר.**

---

[ג] **בגמרא כתובות** (נ.): **באושא התקינו, המבזבז אל יבזבז יותר מחומש וכו׳. מאי קרא, וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי ׳עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ׳** [פירש״י: שני עישורין, הוו להו חומש].

**ובילקוט שמעוני** (רמז עה): **אבות הראשונים הפרישו תרומות ומעשרות. אברהם הפריש תרומה גדולה, הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל ה׳** (לך יד, כב), **ואין הרמה אלא תרומה, כמה דאת אמר** (קרח יח, כו) **וַהֲרֵמֹתֶם מִמֶּנּוּ תְּרוּמַת ה׳. יצחק הפריש מעשר שני, וַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא וַיִּמְצָא וגו׳ מֵאָה שְׁעָרִים, והלא אין הברכה שורה לא על המדוד ולא על השקול ולא על המנוי, למה מדדן, בשביל לעשרן, הדא הוא דכתיב וַיְבָרְכֵהוּ ה׳. יעקב הפריש מעשר ראשון, הדא הוא דכתיב וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ.**

[ד] **פירוש: ווי נאָר.**

[ה] **וכמו שכתוב כאן וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא, ופירש רש״י, לשון מיעוט, באותו מקום שכב, אבל י״ד שנים ששימש בבית עבר לא שכב בלילה, שהיה עוסק בתורה.**

[ו] **דהרמז הוא רק על מה ששכב במקום ההוא לאחר הי״ד שנים, דמזה אנו דורשין למעט הי״ד שנים, לאחר**

KolSatmar.com

**יט**

ולמדו זה מן חשבון שנות ישמעאל, דמזה ידעינן שהיה יעקב באותו הפרק בן ס״ג שנים, ונמצא שחסר לנו י״ד שנים מן החשבון, והם אותן י״ד שנים ששימש בבית עבר

[נאָר] **פון וואו דרינגט מען זיך דאָס אויף?**

**זאָגט רש״י אין סוף פרשת תולדות**[ז], [דילפינן לה מהא דכתיב] (חיי כה, יז) **וְאֵלֶּה שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל, אַ גאַנצע פרשה האָט דער פסוק אויסגערעכנט ווילאַנג יִשְׁמָעֵאל האָט געלעבט,** [און] **דעם גאַנצן חשבון ווי אַלט ער איז געווען, די אַלע יאָרן, און פון דעם חשבון וואס יִשְׁמָעֵאל האָט געלעבט, זאָגט דאָך רש״י** [ אַז] **איבערדעם האָט דאָס די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַראָפּגעשטעלט דעם חשבון,** [ווייל] **פון דעם וועל איך מיר ׳אויפדרינגען׳ אַז יעקב אבינו איז געווען פערצן יאָר בְּבֵית שֵׁם וְעֵבֶר. וואָרן ס׳קומט נישט אויס דער חשבון אַנדערש, ס׳האָט נישט באַטראָפן** [די מספר השנים של יעקב, אם לא כשתוסיף עוד י״ד שנים].

**אַזוי ווי רש״י רעכנט עס אויס דעם חשבון.**

**כ**

קושיא ח

וצריך ביאור למה הוצרכה התורה לכתוב חשבון שנות ישמעאל כדי ללמד זה, ולא נכתב כן בתורה להדיא, שיעקב עסק יעקב בתורה בי״ד שנים. והלא תקופה זו הוא בודאי ממבחר אותן שני שפירש יעקב מאביו, ולמה העלימה התורה זאת כל כך

**ח) נו האָט זיך געלוינט** [צו שרייבן] **אַ גאַנצע פרשה פון יִשְׁמָעֵאל׳ן,** [כדי] **ער זאָל ׳נישט דאַרפן׳ דערציילן אַז יעקב אבינו האָט געלערנט בבית שֵׁם וְעֵבֶר?**

**ס׳איז דאָך בעסער ווען ער זאָגט פשוט, בקיצור, ער האָט געקאָנט דערציילן די זאַך בפירוש: יעקב אבינו איז געווען פערצן יאָר** [בבית המדרש].

**כא**

[דאָס איז דאָך] **איינס פון די חָשׁוּב׳סטע** [תקופות, מן הליכתו של יעקב בדרך זו].

[והראיה] **וואָרן רש״י זאָגט דאָך**[ח] [דאָרט, אַז] **אויף די צוויי און צוואָנציג יאָר** [ששהה

---

שאנו יודעין בקבלה ומחשבון השנים שנטמן י״ד שנים בבית עבר. אבל עצם הי״ד שנים אינם ׳נזכרין׳ בהפסוק אפילו בדרך רמז.

[ז] **ברש״י סוף תולדות** (כח, ט): **אֲחוֹת נְבָיוֹת. ממשמע שנאמר בַּת יִשְׁמָעֵאל איני יודע שהיא אֲחוֹת נְבָיוֹת, אלא למדנו שמת ישמעאל משיעדה לעשו קודם נשואיה, והשיאה נביות אחיה, ולמדנו שהיה יעקב באותו הפרק בן ס״ג שנים, שהרי ישמעאל בן ע״ד שנים היה כשנולד יעקב, שי״ד שנה היה גדול ישמעאל מיצחק, ויצחק בן ס׳ שנה בלדת אותם הרי ע״ד, ושנותיו היו קל״ז שנאמר וְאֵלֶּה שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל וגו׳, נמצא יעקב כשמת ישמעאל בן ס״ג שנים היה, ולמדנו מכאן שנטמן בבית עבר י״ד שנה, ואח״כ הלך לחרן, חרן שהרי לא שהה בבית לבן לפני לידתו של יוסף אלא י״ד שנה, שנאמר** (לא, מא) **עֲבַדְתִּיךָ אַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה בִּשְׁתֵּי בְנֹתֶיךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים בְּצֹאנֶךָ, ושכר הצאן משנולד יוסף היה, שנאמר** (ל, כה) **וַיְהִי כַּאֲשֶׁר יָלְדָה רָחֵל אֶת יוֹסֵף וגו׳, ויוסף בן ל׳ שנה היה כשמלך, ומשם עד שירד יעקב למצרים ט׳ שנים, ז׳ של שובע וב׳ של רעב, ויעקב אמר לפרעה** (ויגש מז, ט) **יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה. צא וחשוב י״ד שלפני לידת יוסף, ושלשים של יוסף, ותשע משמלך עד שבא יעקב, הרי נ״ג, וכשפירש מאביו היה בן ס״ג הרי קי״ו, והוא אומר שלשים ומאת שנה, הרי חסרים י״ד שנים, הא למדת שאחר שקבל הברכות נטמן בבית עבר ארבע עשרה שנים.**

**וכן כתב רש״י בקצרה בסוף חיי שרה (כה, יז) וז״ל: וְאֵלֶּה שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל וגו׳. אמר רבי חייא בר אבא, למה נמנו שנותיו של ישמעאל, כדי לייחס בהם שנותיו של יעקב. משנותיו של ישמעאל למדנו ששמש יעקב בבית עבר י״ד שנה כשפירש מאביו קודם שבא אצל לבן, שהרי כשפירש יעקב מאביו מת ישמעאל שנאמר וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו אֶל יִשְׁמָעֵאל וגו׳, כמו שמפורש בסוף מגילה נקראת** (מגילה טז: יז. הובא להלן).

[ח] **ברש״י שם** (בהמשך)**: אבל לא נענש עליהם, בזכות התורה, שהרי לא פירש יוסף מאביו אלא עשרים ושתים**

KolSatmar.com

יעקב בבית לבן ולא קיים כיבוד אב] **איז ער דאָך נענש געוואָרן דערנאָכדעם, מיט** [די מעשה] **פון יוסֵף'ן** [שפירש מיעקב כ״ב שנה], **און אויף ׳די׳ פערצן יאָר איז ער נישט נענש געוואָרן, פאַרוואָס,** [וועגן] **זְכוּת הַתּוֹרָה.**

[נו] **איז דאָך דאָס געווען דאָס העכסטע, דער העכסטער וועג**[ט] **האָט ער דאָ מיטגעמאַכט** [אין די צייט] **וואָס ער איז געווען בְּבֵית שֵׁם וְעֵבֶר** [און] **פערצן יאָר ׳געזעצן עַל הַתּוֹרָה׳.**

### כב

[והגם] **ער האָט דאָך אייביג** [כל ימיו] **געלערנט,** [אַזוי] **שטייט דאָך אַרויס אין תנא דבי אליהו**[י], [אַז] **מִקַּטְנוּתוֹ האָט ער עוֹסֵק געווען בַּתּוֹרָה, זאָגט ער בפירוש אַרויס דאָרטן.**

**נאָר זעט אויס, דעמאָלטס** [באותן י״ד שנים, ווען] **ער איז שוין געווען בן ס״ג שנים, מסתמא האָט ער געזוכט** [צו לערנען] **׳נאָך העכערע׳ זאַכן.**

### כג

**על כל פנים איז דאָך דאָס געווען איינס פון** [און טאַקע] **די חָשׁוּב׳סטע תְּנוּעָה פון דעם וועג**[יא] **!**

**נו וואָס האָט די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [דאָס] **מַעֲלִים געווען? ס׳ווערט גאָרנישט דערציילט** [דערפון] **גאָרנישט.**

---

**שנה, דהיינו משבע עשרה עד שלשים ותשע, כנגד עשרים ושתים שפירש יעקב מאביו ולא כבדו, והם עשרים שנים בבית לבן, ושתי שנים ששהה בדרך, כדכתיב** (וישלח לג, יז) **וַיִּבֶן לוֹ בָּיִת וּלְמִקְנֵהוּ עָשָׂה סֻכֹּת, ופירשו רבותינו ז״ל** (מגילה יז.) **מזה הפסוק ששהה י״ח חדשים בדרך, דבית הוה בימות הגשמים, וסכות הוה בימות החמה. ולחשבון הפסוקים שחשבנו לעיל משפירש מאביו עד שירד למצרים שהיה בן ק״ל שנים, שם אנו מוצאים עוד י״ד שנים, אלא ודאי נטמן בבית עבר בהליכתו לבית לבן ללמוד תורה ממנו, ובשביל זכות התורה לא נענש עליהם, ולא פירש יוסף ממנו אלא עשרים ושתים שנה, מדה כנגד מדה.**

**ומקורו בגמרא מגילה** (טז: יז.)**: אמר רבה אמר רב יצחק בר שמואל בר מרתא, גדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אב ואם, שכל אותן שנים שהיה יעקב אבינו בבית עבר לא נענש. דאמר מר למה נמנו שנותיו של ישמעאל כדי לייחס בהן שנותיו של יעקב וכו׳** [עיי״ש החשבון]**, אלא שמע מינה ארבע עשרה שנין דהוה בבית עבר לא חשיב להו, דתניא היה יעקב בבית עבר מוטמן ארבע עשרה שנה וכו׳. ומנלן דלא מיענש, דתניא, נמצא יוסף שפירש מאביו עשרים ושתים שנה כשם שפירש יעקב אבינו מאביו,** [וקשה] **דיעקב תלתין ושיתא הויין, אלא ארביסר דהוה בבית עבר לא חשיב להו וכו׳.** [ופירש״י: דתניא נמצא יוסף כשפירש מאביו, שלא ראהו, עשרים ושתים שנה, כדרך שפירש יעקב מבית אביו שלא כיבדו, נתאבל על יוסף עשרים ושתים שנה. כיצד, יוסף בן שבע עשרה שנה היה כשפירש מאביו, וכשמלך על מצרים היה בן שלשים שנה, שנאמר (מקץ מא, מו) וְיוֹסֵף בֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה בְּעָמְדוֹ לִפְנֵי פַּרְעֹה, הרי שלש עשרה, וְשִׁבְעָה דְשָׂבְעָא, ותרין דכפנא, הרי עשרים ושתים שנה שנתכסה יוסף מאביו, ויעקב עמד עשרים שנה בבית לבן (ועוד ב׳ שנים בדרך), וארבע עשרה שנה בבית עבר].

[ט] פירוש: מתקופת הילוכו בדרך, שלא היה בבית אביו.

[י] **בתנא דבי אליהו** (פרק ה)**: ומפני מה זכה יעקב לחיים שלא בצער ושלא ביצר הרע בעולם הזה, ממה שעתיד הקב״ה ליתן אל הצדיקים לעתיד לבא, מפני שהיה יושב בבית המדרש מקטנותו ועד זקנותו, והיה בקי במקרא ובמשנה בהלכות ובאגדות,** שנאמר (תולדות כה, כז) וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים, ואומר (תהלים קכז, ד) כְּחִצִּים בְּיַד גִּבּוֹר כֵּן בְּנֵי הַנְּעוּרִים אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר וגו׳, ואומר (ישעי׳ כח, ט) אֶת מִי יוֹרֶה דֵעָה וגו׳ גְּמוּלֵי מֵחָלָב עַתִּיקֵי מִשָּׁדָיִם. וכשיצא מבית אביו ללכת אל בית לבן, באתה השכינה ועמדה למעלה ממנו, משיבה ואמרה לו יעקב בני שא נא עיניך השמימה, וראה י״ב מזלות וכוכבים ברקיע, וי״ב שעות היום וי״ב שעות הלילה, כנגד י״ב שבטים שאני נותן לך.

[יא] שהרי היה בדרך ל״ו שנים, ועל כ״ב שנים נענש, ועל אותן י״ד שנים לא נענש, ומטעם שאמרו דגדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אב.

KolSatmar.com

**כד**

ובפרט דמסתבר שגם יצחק אבינו ידע מזה, ולבסוף גם בדברי אביו לא נזכר מזה כלום, ואדרבה במשמעות הכתובים נאמר שיצחק צוה לו לילך תיכף תיכף לחרן, דמשמע מכל זה שיש בזה סוד כמוס ובמכוון העלימה התורה זאת, ולא הזכירו יצחק להדיא, ואינו מובן טעם ההעלמה בזה

**דערנאָך** [הלא גם בדברי אביו לא נזכר מזה מאומה]**, איז ער דען געגאַנגען** [לבית עבר שלא ברשות?] [והרי] **דער פאַטער האַט** [אַודאי] **געוואוסט.**

[ולבסוף בלשון הפסוק נאמר, כי] **דער פאַטער – שטייט גאָר** (תולדות כח, ב) **– ער האָט אים געשיקט לָקַחַת לוֹ אִשָּׁה, קיין פַּדֶּן אֲרָם ׳גראָד׳, ער האָט אים געשיקט** [לחרן, ותיכף אחר זה נאמר] **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע, ׳גראָד׳ קיין חָרָן. און ער זאָגט גאָרנישט אויס וואָס ס׳האָט זיך געטון דאָ ׳אינדערמיט׳.**

[דעס אַז] **׳אינדערמיט׳ ער איז געווען פערצן יאָר בְּבֵית שֵׁם וְעֵבֶר, מאַכט מען זיך גאָרנישט וויסענדיג.**

[נאָר זעט טאַקע אויס] **ס׳איז אַ סוֹד, אַזוי ווייט** [אַז] **מ׳מוז** [עס] **באַהאַלטן.** [און] **אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט** (באות יט) [מ׳מוז דאָס] **אויסרעכענען פון ישמעאל.**

**ס׳איז נישט צו פאַרשטיין** [על מה הוא בסוד כל כך].

**לא**

# הקדמה לישוב הקושיות

## אופן ראשון בביאור הגמרא בענין מְקַדְּמֵי וּמְחַשְּׁבֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא

ממה שאמרתי בשבוע העבר

**לאָמיר זען.**

**איך וועל דאָ נאָכזאָגן קודם** [מה שאמרתי בפרשת תולדות]**, איך וועל זאָגן אַ דיבור וואָס איך האָב פונקט געזאָגט ׳היינט אַכט טאָג׳**[יב] [צוריק]**, ביי דער געלעגנהייט פון כולל** [שומרי החומות].

**איך וועל דאָ זאָגן בקיצור,** [וואָס] **אינדערמיט כ׳האָב געזאָגט אויף אַ מַאֲמַר חכמינו ז״ל, וואָס ס׳קער דערצו, דאָ אַהער.**

**לב**

בגמרא ברכות: רבי יוחנן תמה כששמע שיש זקנים בבבל, דהלא כתיב לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם ״עַל הָאֲדָמָה״, דמשמע רק בארץ ישראל. וכיון דשמע דהם מְקַדְּמֵי וּמְחַשְּׁבֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא, אמר הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לְהוּ שהאריכו ימים אף בחוץ לארץ

**איך האָב מיך געשטעלט אויף די גמרא.**

**די גמרא זאָגט**[יג]**, רַבִּי יוֹחָנָן האָט געהערט**[יד] **ס׳איז דאָ ׳סָבֵי׳ בְּבָבֶל. תַּמָּה, ער האָט זיך געוואונדערט,** [והלא] **לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם ״עַל הָאֲדָמָה״** [כתיב (עקב יא, כא), אבל בחוץ לארץ לא].

---

[יב] **ביום א׳ תולדות תשכ״ז** (לשון קדשו קונטרס מא, אות יא-כד) **במסיבה שנערכה להחזקת כולל שומרי החומות.**

[יג] **בגמרא ברכות** (ח.)**: אמרו ליה לרבי יוחנן איכא סבי בבבל, תמה ואמר, לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם ׳עַל הָאֲדָמָה׳ כתיב, אבל בחוצה לארץ לא. כיון דאמרי ליה מקדמי ומחשכי לבי כנישתא** [פירש״י: מקדמי, שחרית. מחשכי, ערבית. כלומר, מאריכין בבית הכנסת]**, אמר היינו דאהני להו, כדאמר רבי יהושע בן לוי לבניה, קדימו וחשיכו ועיילו לבי כנישתא כי היכי דתורכו חיי.**

[יד] רבי יוחנן עצמו היה דר בארץ ישראל, ולכן ידע רק מפי השמועה מה שנעשה בבבל.

KolSatmar.com

[ווען] ער האָט אָבער געהערט [אַז] זיי זענען מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי זיי גייען 'צופרי' און 'אויפדערנאַכט' לְבֵית הַכְּנֶסֶת, [האָט ער געזאָגט] הַיְינוּ דְּאַהֲנִי לְהוּ, [שבזכות זה האריכו ימים גם בחוץ לארץ].

### לג

קושיית המפרשים: להבין איך נחה דעתו של רבי יוחנן במה ששמע דמְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לבי כנישתא, והלא גם מעיקרא ידע שיש הרבה זכותים בבבל, אלא שעכ"ז תמה דסוף סוף עַל הָאֲדָמָה כתיב, ולא בחוץ לארץ, ובמה נתיישב לו תמיהה זו במה דמקדמי ומחשכי לביהכ"נ

פרעגן דאָך אַלע מפרשים, נו האָט ער דען [מעיקרא] געקלערט [אַז] ס'איז נישטאָ קיין זְכוּתִים אין בָּבֶל? ס'איז עפּעס געווען [ריק מזכותים]? ס'איז דאָך געווען לעולם די תנאים ואמוראים וואָס ס'איז געווען אין בָּבֶל, [און] ס'איז געווען דאָרט בתי מדרשים [וואו] מ'איז 'געזעסן און געלערנט'. איז עפּעס אַ הוה אמינא בעולם אַז ס'איז נישטאָ קיין זְכוּתִים?!

די קשיא [מה שתמה רבי יוחנן] איז דאָך נאָר געווען [ווייל] ס'שטייט דעך 'דאָך' נאָר "עַל הָאֲדָמָה", [אויף] דעם גרויסע אריכות ימים שטייט עַל הָאֲדָמָה, און ס'איז 'דאָך' נישט עַל הָאֲדָמָה [לאותם שהם בְּבָבֶל].

[ואם כן] נו וואָס האָט מען אים געענטפערט אַז זיי זענען מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִישְׁתָּא. ס'איז טאַקע אַ גרויסער זכות, אָבער ס'איז דאָך אָבער 'דאָך' נישט עַל הָאֲדָמָה. די קשיא [על האדמה כתיב] איז דאָך ווייטער קשה.

### לד

#### פירוש מהרש"א ושל"ה

כיון דבתי כנסיות עתידין ליקבע בארץ ישראל, על כן יש להם גם עכשיו קדושת ארץ ישראל "על שם העתיד", וממילא אותן דמקדמי ומחשכי לבי כנישתא נקרא שהם גם כן "על האדמה"

מילא איז דאָך ידוע [מה שמתרצים על זה] דער מהרש"א[טו] און דער של"ה הקדוש[טז], און אַלע, די מפרשים אַלע[יז].

ווייל עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות [שבחוץ לארץ] לקבוע בארץ ישראל[יח], [איבערדעם] "על שם העתיד", אַז מ'קומט און מ'גייט אין בית המדרש, איז מען דאָך על שם העתיד איז מען אַזוי ווי אין ארץ ישראל, הייסט עס שוין [היצט אויך] 'על שם העתיד' עַל הָאֲדָמָה.

[ואתי שפיר דתמיהתו היה שצריך לזה דוקא זכות ארץ ישראל, וזה נתיישב לו כששמע דמקדמי ומחשכי לבי כנישתא, דנמצא דגם להם יש זכותא דארץ ישראל].

אַזוי ברענגען די מפרשים.

---

[טו] במהרש"א ברכות שם (בחידושי אגדות, ד"ה הנוגעים): יש לפרש על פי מה שאמרו בפרק בני העיר (מגילה כט.) עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל וכו', דאותן בתי כנסיות שבבבל גם הם יהיו מכלל ארץ ישראל, שיקבעו שם לעתיד וכו'. ומייתי עלה איכא סבי בבבל, תמה למען וגו' על האדמה וגו', ומסיק דאהנו להו דקדימו וחשיכו כו', דהיינו טעמא, דבי כנשתא דבבבל הוה להו כאילו הם על האדמה, שהרי יקבע לעתיד שם בארץ ישראל.

[טז] בשל"ה הק' (מסכת תמיד, נר מצוה אות יג, הג"ה ב): בענין אקדומי וחשוכי, שאמר היינו דאהני להו. קשה מה תירץ, הלא הפסוק אמר 'על האדמה', דמשמע בארץ דוקא. דבר זה מתורץ על דרך מה שאמרו רבותינו ז"ל עתידין שיקבעו בתי כנסיות שבחוץ לארץ בארץ ישראל כו', נמצא שהעומד בבית הכנסת כעומד בארץ ישראל.

[יז] ומהם בכלי יקר (סוף עקב), בעשרה מאמרות להרמ"ע (אם כל חי, ח"ב סימן ח), ועמק המלך (שער א, פרק א).

[יח] כמבואר בגמרא מגילה (כט.), והובא להלן בהערה כט.

KolSatmar.com

### לה

**קושית הרי״ף בעין יעקב - על תירוץ הנזכר**

למה נקט דוקא ״שמקדמים ומחשכים״, והלא גם הלומד ״באמצע היום״ יש בו החשיבות שיקבע בארץ ישראל

**נאָר דאָ האָב איך געזאָגט, שטעלט זיך אויף דעם דער רי״ף אין עין יעקב[יט], ער ברענגט, - ער האָט נישט געזען דעם מהרש״א[כ], - זאָגט ער, בִּימֵי חָרְפִּי[כא] האָב איך געהערט ׳דעם׳ פְּשַׁט** [הנזכר].

**אָבער ער ווענדט אים אָפּ,** [אַז] **ס׳איז נישט קיין פְּשַׁט.** [ווייל לויט דעם] **העט די גמרא געדאַרפט צו זאָגן בקיצור אַז ״זיי גייען אין בית המדרש״, מ׳גייט ״לערנען״. וואָס איז דער ״מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי״, וואָס איז דאָס גיוועגדט** [דייקא בהשכמת הבוקר ובהארכת הערב]. **אַז ער זאָגט על שם העתיד, וואָס איז אַ נפקא מינה צי מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי** [בבוקר ובערב] **צי מ׳גייט אינמיטן טאָג, וואָס איז אַ נפקא מינה.**

[איבערדעם זאָגט ער], **קאָן נישט זיין אַז ׳דאָס׳ זאָל זיין דער פְּשַׁט.**

**דער רי״ף מאַכט עס אַוועק. און ער זוכט, ער גייט מיט אַן אַנדערן פְּשַׁט.**

### לו

ולתרץ זה פירשתי בכוונת הגמרא לדרכינו, דעל שם המחשבה לארץ ישראל בשעת התפילה, נחשב כאילו הוא שם גם עתה

**האָב איך יענע וואָך געזאָגט,** [אַז] **אפשר** [קען זיין דער פְּשַׁט. באופן דלא רק על שם העתיד נקרא כן, אלא גם מצד עכשיו נחשב כיושבים ״על האדמה״, וגם הוא באופן שלא יוקשה בזה קושית הרי״ף למה נקט ״מקדמי ומחשכי״, כי ״מקדמי ומחשכי״ מורה על שמאריכין בתפילה בבוקר ובערב, וכמו שמפרש שם רש״י. ובשעת התפילה נותנים דעתם על ארץ ישראל, ולכן נחשב כאילו הוא שם עתה][כב].

---

[יט] **בפי׳ הרי״ף** בעין יעקב (ברכות שם): איכא סבי בבבל. וקשה טובא דהיכי מתרץ לה מאי דכתיב על האדמה אבל בחוצה לארץ לא. **ובימי חרפי שמעתי בזה עם מאמר חכמינו ז״ל שעתידים כל בתי כנסיות ובתי מדרשות להיות נקבעים בארץ ישראל**, ולהכי ניחא, דכיון דמקדמי בבי כנישתא הוו להו יושבים על האדמה בארץ ישראל. **ואין דברים אלו מחוורים אצלי, דאם כן למה הוצרכו ״לקדומי וחשוכי״**, דמספיק להם היותם מתפללים בבית הכנסת [בשעת התפלה לבד] דהוה להו כיושבים בארץ ישראל. **ועוד** קשה דהרי גם ״בתי מדרשות״ עתידים להיות בארץ ישראל, וכיון שבבני בבל עוסקים בתורה, הא אהני להו למחשב להו יושבים על האדמה [ולמה אמר דמקדמי ומחשכי ״לבי כנישתא״ דוקא, שהוא בית הכנסת מקום התפלה]. (ועיין שם שהקשה עוד כמה קושיות, ועל כן מבאר הגמרא באופן אחר עיי״ש).

[כ] הרי״ף [או הריא״ף] על עין יעקב נתחבר בשם ספר ״מאור עינים״ על ידי הגאון רבי יאשיה ב״ר יוסף פינטו [חותנו של הרה״ק רבי שמואל בן רבי חיים ויטאל זלה״ה, וממלא מקומו של מהרח״ו ברבנות עיר דמשק], וחיבורו על מסכת ברכות נדפס לראשונה באמסטערדאם שנת ת״ג. והגם שהספר ״חידושי אגדות״ מהרש״א נדפס מקודם לזה קצת (חלק א׳ בלובלין שפ״ז, חלק ב׳ בקראקא שצ״ב), אבל מאחר שהריא״ף היה דר בארץ ישראל ובדמשק, ברור שלא הגיע הספר לידו. ובפרט ששמע פירוש זה עוד ״בימי חורפו״, שהוא הרבה קודם הדפסת החידושי אגדות למהרש״א.

[ועיין בספר יוחסין השלם (בנוספות שבסוף הספר) וז״ל: ר׳ יאשיה פינטו חכם גדול מהולל בתורה וחוקר נפלא, חיבר פירוש על אגדות עין יעקב בשם רי״ף, וספר כסף נבחר, נפטר בשנת שפ״ח, עכ״ל. אולם לכאורה אין זה נכון, כי בספר מקור חיים על התורה (לר״ש וויטאל חתנו של הרי״ף, דף פא.) בפרשת פקודי דרוש ה׳, כתב שם הספד שנשא ככלות השנה של פטירת חמיו באדר שנת ת״ט, וא״כ מוכח שנפטר בחודש אדר שנת ת״ח].

[כא] פירוש: בימי נעורי. והוא לשון הפסוק **באיוב** (כט, ד). ועיין בפי׳ הרלב״ג שם דהוא מלשון חוֹרֶף (ווינטער), שאז הוא ׳התחלת׳ זמן הזריעה של תבואה.

[כב] עיין המשך חזרת פשט זה באורך בחלק א׳ של הקונטרס, על פי דברי הרמב״ן בענין עירובי תחומין, כי במקום שאדם חושב שם הוא, ולכן על ידי שנותנים דעתם על ארץ ישראל נחשב כאילו הם על האדמה.

KolSatmar.com

### מז

### הקדמה א – לישוב קושיא ח

## אופן שני בביאור הגמרא בענין מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא

אמנם עתה חשבתי לתרץ גם דרך המפרשים דנקרא "עַל הָאֲדָמָה" על שם העתיד, ולייׁשב מעליהם קושיית הרי״ף למה נקט "מקדמי ומחשכי", ולפי דרכינו כי "מקדמי ומחשכי" מורה על שמאריכין בתפילה

**היצט האָב איך מִתְבּוֹנֵן געווען, [אַז] מ׳קאָן פאַרענטפערן** [פירוש מהרש״א ושל״ה בדברי הגמרא דברכות].

**מילא דאָס** (האופן הראשון לדרכינו) **איז אַ פְּשַׁט פאַר זיך** [בדברי הגמרא].

[נאָר] **דעם פְּשַׁט וואָס ׳זיי׳ זאָגן אַלע**[כג]**, וועגן עתידין בתי כנסיות [שיקבעו בארץ ישראל**, ולכן גם עתה נקרא כן על שם העתיד. שעל זה הקשה הרי״ף] **וואו קומט דער "מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי", דאָס קאָן מען אָבער אויך פאַרענטפערן**[כד]**.**

**האָב איך היצט אינזין געהאַט** [לפרש על פי דרכם אויף] **אַן אַנדערן אופן.**

### מח

והוא דאף שאמרו דעתידין בתי מדרשות ליקבע בארץ ישראל, אבל זהו רק למיימינים בה שמכוונים על דבר אמת בדרך התורה, ולא למשמאילים בה, שהם המקומות שמגלים שם פנים בתורה שלא כהלכה

**איך האָב היינט מִתְבּוֹנֵן געווען. לעולם איז אַזוי:**

**אֱמֶת הַדָּבָר** [אַז] **עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות ליקבע בארץ ישראל,** [וכדרך שביאר המהרש״א ושאר מפרשים. אָבער] **פונדעסטוועגן ברויך מען וויסן** [פון] **׳וואָס׳ פאַר אַ בית המדרש** [מ׳רעדט].

[דהנה] **די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [נמשלה כמון] **נָגִיד, שטייט דאָך**[כה]**. אַזוי ווי ס׳האָט סַם חַיִּים** [למיימינים בה], **און** [אַזוי האָט עס אויך] **חלילה ׳פאַרקערט׳**[כו] [למשמאילים בה].

### מט

**מ׳מוז דאָך וויסן** [בענין מצב דורינו].

---

[כג] המהרש״א, והשל״ה, ושאר מפרשים. ועיין לעיל בהערה יז.

[כד] דלאופן זה השני יתיישב גם פי׳ המהרש״א עצמו, מן קושיית הרי״ף. דלעולם הכוונה כדרך המהרש״א, אלא היות שצריך לזה תנאי דלשמה, לכן הוסיפו לומר "מקדמי ומחשכי", כמבואר להלן בהמשך. ועיין להלן בהערה מב.

[כה] **בגמרא שבת** (פח:): אמר רב חננאל בר פפא, מאי דכתיב (משלי ח, ו) **שִׁמְעוּ כִּי נְגִידִים אֲדַבֵּר, למה נמשלו דברי תורה כְּנָגִיד** [=מלך ומושל], לומר לך מה נָגִיד זה יש בו [הכח] להמית ולהחיות, **אף דברי תורה יש בם להמית ולהחיות.** היינו דאמר רבא, **לְמַיְימִינִים בָּהּ סַמָּא דְחַיֵּי, לְמַשְׂמְאִילִים בָּהּ סַמָּא דְמוֹתָא.** [פירש״י לְמַיְימִינִים. עסוקים בכל כחם, וטרודים לדעת סודה, כאדם המשתמש ביד יְמִינוֹ שהיא עיקר].

**ובגמרא יומא** (עב:): אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן, מאי דכתיב (משלי יז, טז) **לָמָּה זֶּה מְחִיר בְּיַד כְּסִיל לִקְנוֹת חָכְמָה וְלֶב אָיִן, אוי להם לשונאיהן של תלמידי חכמים שעוסקין בתורה ואין בהן יראת שמים.** מכריז רבי ינאי, חבל על דלית ליה דרתא [פירש״י: חצר], ותרעא לדרתיה עביד [שהתורה אינה אלא שער ליכנס בה ליראת שמים לכך צריך שתקדים לו יראת שמים]. אמר להו רבא לרבנן, במטותא מינייכו לא תירתון תרתי גיהנם [להיות יגעים ועמלים בתורה בעולם הזה ולא תקיימוה, ותירשו גיהנם במותכם, ובחייכם לא נהניתם בעולמכם]. אמר רבי יהושע בן לוי, מאי דכתיב (ואתחנן ד, מד) וְזֹאת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר "שָׂם" מֹשֶׁה, **זכה נעשית לו סם חיים, לא זכה נעשית לו סם מיתה,** והיינו דאמר רבא, דאומן לה סמא דחייא, דלא אומן לה סמא דמותא.

**ובגמרא תענית** (ז.): תניא היה רבי בנאה אומר, **כל העוסק בתורה לשמה** [פירש״י: משום כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי ה׳ אֱלֹקָי (ואתחנן ד, ה), ולא כדי להקרות רבי], **תורתו נעשית לו סם חיים,** שנאמר (משלי ג, יח) **עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ,** ואומר (שם, ח) רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ, ואומר (שם ח, לה) כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים. **וכל העוסק בתורה שלא לשמה, נעשית לו סם המות,** שנאמר (האזינו לב, ב) יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי [השוה לקח למטר], ואין עריפה אלא הריגה, שנאמר (דברים כא, ד) וְעָרְפוּ שָׁם אֶת הָעֶגְלָה בַּנָּחַל.

[כו] בזהירות לשונו נמנע כאן רבינו מלהזכיר סם האחר בשמו.

KolSatmar.com

בעונינו הרבים איז דאָך דאָ 'פאַרקערט' חס ושלום, וואָס מ'נעמט אַרויס [פון די תורה], וואָס מ'נוצט אויף[כז] חלילה דעם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, נישט ווי מ'ברויך.

וויפיל מקומות [איז דאָ וואָס] מ'איז קוֹבֵעַ [לתורה], טאַקע דאָרט אַליין - ווי איך האָב פריער געזאָגט[כח] - אין ארץ ישראל אַליין, וואָסערע מקומות [איז אַלץ דאָ וואָס] מ'שטעלט אַלעס אַריין אין אַ מְקוֹם תּוֹרָה, וואָס 'זיי' בויען אויף, און [זיי] טוען רחמנא ליצלן [כל הפירצות, און] מ'שטעלט אַלעס אַריין אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

(ראה עוד להלן מן אות פד ואילך)

**נ**

גם נראה דצריך עוד תנאי לזה, שיעסקו שם בתורה ותפילה "לשמה". שהרי הא דעתידין בתי מדרשות לקבוע בארץ ישראל, למדוה בגמרא בק"ו מהר תבור וכרמל, ובמדרש מבואר דתבור וכרמל יקבעו על מקום המקדש, ואם כן מק"ו זה ילפינן דבתי מדרשות יקבעו על מקום המקדש, ולא רק בארץ ישראל בלבד

עקסטערדעם [אפילו במקום תורה שלומדין שם כראוי, ואין מגלים פנים בתורה שלא כהלכה], זעען זעט אויס [דבכדי שיקבע לעתיד בארץ ישראל, צריך 'עוד' תנאי, שיעסקו שם בתורה "לשמה" דייקא].

[דהנה] די גמרא[כט] לערנט דאָך עס אַרויס [ענין הנזכר דעתידין בתי כנסיות שיקבעו בארץ ישראל] פון אַ קל וחומר, מַה־דאָך הַר תָּבוֹר איז געקומען [לפי שעה] ער האָט געוואָלט מ'זאָל אויף אים געבן די תורה, און לעתיד וועט מען נעמען דעם הר המוריה און מ'וועט אים געבן אויפן הַר תָּבוֹר[ל], הײנט שוין נאָך [=מכל שכן, בבתי כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ] דאָרטן וואו מ'איז טאַקע 'עוֹסֵק' בַּתּוֹרָה, [על אחת כמה וכמה שעתידין ליקבע בארץ ישראל].

**נא**

נו [לפי מה שדרשוהו מקל וחומר, נמצא דכמו כן] גייט דאָך אַרויף דער קל וחומר נישט נאָר אויף ארץ ישראל [שעתידין לקבוע שם], נאָר ס'וועט טאַקע זיין [נקבע] אויפן מְקוֹם הַמִּקְדָּשׁ.

וואָרן אַז ס'איז געדרינגען פונעם קל וחומר פון הר תבור, און דער הר תבור וועט דאָך זיין אויפן מקום המקדש, שטייט דאָך בפירוש אַזוי אַרויס אין מדרש[לא].

---

[כז] מלשון 'אויפנוצן'.

[כח] באופן הראשון, שהיה המדובר מהחזקת תורה 'בארץ ישראל'.

[כט] **בגמרא מגילה** (כט.): תניא, רבי אלעזר הקפר אומר, עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל, שנאמר (ירמי' מו, יח) כִּי כְּתָבוֹר בֶּהָרִים וּכְכַרְמֶל בַּיָּם יָבוֹא, והלא דברים קל וחומר, ומה תָּבוֹר וְכַרְמֶל שלא באו אלא לפי שעה ללמוד תורה, **נקבעים בארץ ישראל, בתי כנסיות ובתי מדרשות** שקורין ומרביצין בהן תורה, **על אחת כמה וכמה.**

[ל] בגמרא מבואר רק שיקבעו בארץ ישראל, אבל בפסיקתא המובא להלן מבואר שלא רק בארץ ישראל, אלא גם על מקום המקדש.

והוא כמו שביאר ק"ז הישמח משה (יתרו ד"ה במסכתא מגילה, ובמדבר ד"ה עוד ביאור על זה) דאין הכוונה שרק על אלו ההרים יבנה בית המקדש, דהא גם הר הבית ודאי לא ידחה, רק הכוונה שהר הבית יהיה על אותן ההרים, עיי"ש. (דברי יואל).

[לא] **בפסיקתא דרב כהנא** (כא, ד): עתיד הקב"ה להביא סיני ותבור וכרמל, ולבנות בית המקדש על גבי ראשיהם. ומה טעמא, וְהָיָה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים נָכוֹן יִהְיֶה הַר בֵּית ה' בְּרֹאשׁ הֶהָרִים (ישעי' ב, ב).

ועיין עוד בענין זה באורך בדברי רבינו בליל ש"ק **תרומה תשי"ד** (נדפס בחידושי תורה למסיבות), **ובחנוכת הבית א' שופטים תשט"ז**, ועוד.

### נב

וכתב בישמח משה דכל דבר שעושין לצורך המקדש צריך שיהיה "לשמה" דייקא, יען כי בית המקדש מכוון נגד מקדש שלמעלה הבנוי ברקיע הנקרא "זבול" שהוא למעלה מרקיע הנקרא "שחקים", וכל דבר שעושין שלא לשמה מבואר בגמרא דמגיע רק עד "שחקים"

[וכדי להקבע "במקום המקדש", צריך לזה שיהיה עסק התורה "לשמה" דייקא].

[ווי] **דער זיידע דער ישמח משה ברענגט**[לב] **אויף וְיִקְחוּ ׳לִי׳ תְּרוּמָה** (תרומה כה, ב) [דפירש רש״י] **לי לשמי,** [אַז] **אפילו**[לג] [אַז ביי סתּם] **אַ מצוה איז פאַרהאַנדן שלא לשמה**[לד], [אמנם] **אַלדינגס וואָס מ׳מאַכט פאַרן בית המקדש, מוז זיין לשמה.**

### נג

**פאַרוואָס,** [ווייל] **די גמרא זאָגט דאָך**[לה], [כתיב] (תהלים נז, יא) **כִּי גָדֹל "עַד שָׁמַיִם" חַסְדֶּךָ וְעַד ׳שְׁחָקִים׳ אֲמִתֶּךָ,** [וכתיב] (שם קח, ה) כִּי גָדוֹל "מֵעַל שָׁמַיִם" חַסְדֶּךָ, לא קשיא כאן לשמה וכאן שלא לשמה], **שלא לשמה איז** [מגיע] **נאָר עַד שָׁמַיִם. זאָגט די גמרא** [דאָס] **איז ביז רקיע** [הנקרא] **׳שְׁחָקִים׳. און לשמה איז** [מגיע] **מֵעַל שָׁמַיִם.**

**און בִּזְבוּל** [ברקיע הנקרא זְבוּל, שהוא ׳למעלה׳ מרקיע הנקרא שְׁחָקִים], **דאָרטן איז דער מקום המקדש, בִּזְבוּל**[לו]**. ממילא** [רק כשעושין לשמה] **קומט עס אויבן** [עד הרקיע הנקרא זְבוּל, שבו בָּנוּי בית המקדש שלמעלה].

### נד

**זאָגט ער** [בישמח משה], **קומט דאָך אויס,** [וויבאַלד דער] **בית המקדש שלמטה איז מְכֻוָּן כנגד בית המקדש שלמעלה, ממילא דער בית המקדש** [שלמטה] **מוז זיך דאָך**

---

[לב] **בישמח משה פרשת קרח:** נראה לי לפרש הפסוק (מלכים א׳ ח, יג) **בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית זְבֻל לָךְ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים,** על פי דברי **העיר בנימין** הנ״ל במה שפירש דלדעת מי שדרשו [וְיִקְחוּ ׳לִי׳ תְּרוּמָה] **לי לשמי,** קשה הלא כל המצות צריכין להיות נעשים לשמה, ולמה פָּרַט הכתוב במקדש דוקא וְעָשׂוּ ׳לִי׳ מִקְדָּשׁ (תרומה כה, ח). ופירש על פי הגמרא (פסחים נ:) רבא רמי, כתיב (תהלים קח, ה) **מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ,** וכתיב (שם נז, יא) **עַד שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ. ומשני כאן בעושין לשמה, וכאן בעושין שלא לשמה** וכו׳. ופירש הגאון [מהרש״א] בחידושי אגדות, שכל העושה מצוה שלא לשמה, אינו זוכה רק לרקיע שְׁחָקִים שבו טוחנין מָן לצדיקים (חגיגה יב:), והיינו עַד שְׁחָקִים וגו׳, אבל העושה לשמה זוכה למעלה מִשְּׁחָקִים. ולכך **כאן במקדש ומשכן** דאמרו רז״ל (במדבר רבה ד, יג) מקדש שלמטה מכוון כנגד מקדש שלמעלה, ומקדש שלמעלה הוא בזבול שהוא למעלה משחקים, **הזהירה התורה כאן בפרטיות** שיעשו לשמה, **כדי שיגיע הזכות עד ׳זבול׳, שהוא למעלה ׳משחקים׳,** עכ״ל. ולדעתי אדרבה מכאן מוכח ד׳לִי׳ הוי פירושו קיים לעולם, דעל לשמי אין צריך קרא כלל, דבזבול אין מבוא כלל לשלא לשמו. ונראה לי דזה שאמר שלמה בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית ׳זְבֻל לָךְ׳, בית **זבול** דוקא, אם כן הוא ודאי מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים, דעל כרחך ׳לִי׳ הוי קיים לעולם, דעל לשמי אין צריך קרא, כיון שהוא בית זבול כנ״ל, והוא נכון בס״ד. ○ והיינו דברי משה (קרח טז, ט) הַמְעַט מִכֶּם [כִּי הִבְדִּיל אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל אֶתְכֶם] וגו׳ לְהַקְרִיב אֶתְכֶם אֵלָיו דייקא, כי כל ישראל יש מבוא לעבודתם גם שלא לשמו, אבל אתכם הבדיל ׳אליו׳ דוקא, כי הוא לעבוד את משכן ה׳ כנ״ל, ושם אין מבוא לשלא לשמה, וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם כְּהֻנָּה, וכיון שאתם מבקשים בלא ציווי, אם כן אין זה לשמה, והבן.

[לג] ׳אפילו׳ פירושו כאן, כאטש. (וכן בכ״מ).

[לד] וכמו שאמרו **בגמרא פסחים** (נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה.

[לה] **בגמרא פסחים** (שם). והובא לעיל בתוך לשון הישמח משה.

[לו] כמבואר **בגמרא חגיגה** (יב:): ריש לקיש אמר שבעה [רקיעים הן], ואלו הן: וילון, רקיע, שחקים, **זבול,** מעון, מכון, ערבות. **וילון** אינו משמש כלום, אלא נכנס שחרית ויוצא ערבית ומחדש בכל יום מעשה בראשית וכו׳. **רקיע,** שבו חמה ולבנה כוכבים ומזלות קבועין וכו׳. **שחקים,** שבו רחיים עומדות וטוחנות מָן לצדיקים, שנאמר (תהלים עח, כג-כד) וַיְצַו שְׁחָקִים מִמָּעַל וְדַלְתֵי שָׁמַיִם פָּתָח וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם מָן לֶאֱכֹל וגו׳. **זבול, שבו ירושלים ובית המקדש ומזבח בנוי,** ומיכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו קרבן, שנאמר בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית זְבֻל לָךְ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים.

KolSatmar.com

אָנקערן [עם מקדש שלמעלה], ס׳מוז דאָך זיין מְכֻוָּן [למקדש שלמעלה. ולכן] ׳דאָרט׳ האָט נישט קיין פּלאַץ נאָר לִשְׁמָהּ, דעס וואָס ס׳גייט מֵעַל שָׁמַיִם[לז].

אַזוי זאָגט ער, ער ברענגט עס פון אַן אַנדערן [מספר עיר בנימין], פון אַ העכערן [מדור קדום]. ער ברענגט באריכות, און טייטשט מיט דעם ענינים.

**נה**

ואם כן בכדי שיוכל בית המדרש ליקבע לעתיד במקום המקדש, צריך שיהיה שם עסק התורה ותפילה "לשמה" דייקא

על כל פנים [לענינינו]: נו אַז מ׳וויל [אַז די בית המדרש] דאָס זאָל קומען אויפן מקום המקדש, מוז דאָך [עס] זיין תּוֹרָה ׳לִשְׁמָהּ׳.

**נו**

והעצה לזכות לידי לשמה, או לכוון על דבר אמת בתורה, הוא רק ע״י עזר ממרום. ולזה צריך להרבות בתפילה שיזכו לזה

נו ווער איז זוכה אַזוי שנעל [לבחינת לשמה, או ללמוד על דרך האמת], אַזוי גרינג איז מען זוכה [דערצו]?

[נאָר צו דעם] מוז מען האָבן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

**נז**

וכמו שפירשו מאמר הגמרא שְׁמַעְתָּא בָּעֵי צְלוּתָא, שהוא מלשון "תפילה", דכדי לזכות לתורה צריכין לזה תפילה

[והנה] זיי טייטשן דאָך[לח] [במאמר הגמרא] (מגילה כח:) שְׁמַעְתָּא בָּעֵי צְלוּתָא, [דהוא] לשון צַלִּי צְלוֹתָא[לט].

[והכוונה דבכדי] אַז מ׳זאָל זוֹכֶה זיין [צו תורה לשמה, ולכוון לדרך האמת בתורה][מ] מוז מען מִתְפַּלֵּל זיין, מוז מען האָבן יִרְאַת שָׁמַיִם, און מ׳מוז דאַווענען און זיך פּלאָגן און בעטן דעם באַשעפער. [דעמאָלטס] קאָן מען צוקומען צו תּוֹרָה לִשְׁמָהּ.

**נח**

ונמצא דבכדי לזכות להא דעתידין לקבוע בארץ ישראל ומקום המקדש, צריך לזה כח התפילה

קומט אויס, דעס איז געווענדט אין כֹּחַ הַתְּפִלָּה, [דעס] אַז די בֵּית הַכְּנֶסֶת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת זאָלן נִקְבַּע ווערן בארץ ישראל, צו דעם מוז מען האָבן אַ כֹּחַ הַתְּפִלָּה.

---

[לז] ומצאתי קצת סמך לזה, ממה שאמרו בירושלמי (ברכות פ״ד, ה״ה) [על המבואר בהמשנה דהמתפלל] יכוין את לבו כנגד בית קדשי הקדשים, לאיזה בית קדשי הקדשים, רבי חייא רבה אמר כנגד קדשי הקדשים של מעלן, רבי שמעון בן חלפתא אמר כנגד בית קדשי הקדשים שלמטן. אמר רבי פנחס, לא פליגין, בית קדשי הקדשים שלמטן מכוון כנגד בית קדשי הקדשים של מעלן, ׳מָכוֹן׳ לְשִׁבְתְּךָ (בשלח טו, יז), ׳מְכֻוָּן׳ כנגד שִׁבְתְּךָ, עד כאן. ○ מבואר דהיכא שצריך לכוין לקדשי הקדשים, בעינן שתהיה הכוונה לקדשי הקדשים של מעלה. ואפשר דמאן דאמר לקדשי הקדשים של מעלן, מיירי במכוין לשמה, ואז עולה ומגיע הזכות עד קדשי הקדשים של מעלה, ומאן דאמר לקדשי הקדשים שלמטן, מיירי באינו מכוין לשמה. ○ וכל זה בענין התפלה, אבל בענין המקדש צריך שיהיה לשמה דוקא, שיגיע הזכות לבית המקדש שלמעלה כנ״ל. (על הגאולה ועל התמורה, סימן צד).

[לח] כן מובא בספר **התעוררות התפלה** (להרה״ק ר׳ דוד שלמה מטולטשין, אות נג) ששמע כן מרבו הרה״ק ר׳ ברוך ממעזביזש זי״ע (והובא בבוצינא דנהורא, אות כה). וכן הביא בספר **דברי ישראל** (מאדזיץ, כללי אוריתא אות ח׳ ד״ה א״י חביבין) בשם זקנו הרה״ק ר׳ יחזקאל מקוזמיר זי״ע. וכעין זה איתא גם בספר **אמרי פנחס** (שער התורה, אות לא) שאמר הרה״ק ר׳ פנחס מקאָריץ זי״ע, כשאני יושב ללמוד תיכף אחר התפלה איז דאָס לערנען גאָר אַנדערש, וזהו שמעתא בעי צלותא.

[לט] ועיין בשו״ת **דברי יואל** (סימן קיח, אות כב סוד״ה וזה אין צריך) שכתב רבינו בזה״ל: ושמעתתא בעי "צילותא" תרתי משמע, דעת צלולה, וגם לצלי צלותא.

[מ] וז״ל הישמח משה בשו״ת **השיב משה** (סוף סימן סה): דכתיב בדוד וַה׳ עִמּוֹ (שמואל א׳ יח, יד), ודרשו רז״ל (סנהדרין צג:) **הלכה כמותו בכל מקום**. והיינו משום דלאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא לכוין אמת לאמתו, אינו באפשרי בחק גדר האנושי, כי אלקים הבין דרכה והוא ידע את מקומה כתיב (איוב כח, כג), רק ע״י השראת שכינה ושפע אלקי׳ השופע על השכל, ולכך דרשו על וה׳ עמו שהלכה כמותו, שדבר זה **לא אפשר רק אם ה׳ עמו**.

KolSatmar.com

נט

ובזה מבואר הגמרא דברכות, דמתחילה תמה רבי יוחנן דמי יודע אם הם לומדים על דרך האמת, ואם זוכין לבחינת לשמה, ואם כן מאן יימר שמתקיים אצלם בחינת ״על האדמה״ על שם העתיד

**דאָס איז דער פְּשַׁט** [בהגמרא דברכות]**.**

[רבי יוחנן] **ער האָט געוואוסט פון דעם** [גם מעיקרא] **אַז אַ בית המדרש** [עתיד ליקבע בארץ ישראל]**, נאָר אָבער** [תמה רבי יוחנן] **׳ווער ווייסט׳ צי זיי קומען** [טאַקע אַהין לארץ ישראל ולמקום המקדש, דשמא לא למדו תורה ״לשמה״ דייקא, או שלא היה לימודם על דרך האמת, וא״כ יתכן שגם עכשיו אין להם זכותא דארץ ישראל[מא], וכתיב] **לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם ״עַל הָאֲדָמָה״.**

ס

אבל מכיון ששמע שהם ״מקדמי ומחשכי״ לבי כנישתא, והיינו כפירש״י שהם מאריכין בתפילה, אם כן בודאי הם מכוונים בתפילתם להתפלל על זה שיזכו לתורת אמת ולבחינת לשמה, ואם מתפללין על זה בודאי עוזר להם הקב״ה שיזכו לזה. ולכן אמר ״היינו דאהני להו״, כי עי״ז שפיר נחשב כאילו הם ״על האדמה״ על שם העתיד

**זאָגט ער** [נאָכדעם]**, אַז ס׳איז אָבער ״מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי״ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא,** [אַז] **זיי זענען מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי, זענען זיי דאָך עוסק בִּתְפִלָּה**[מב]**.** [וכיון שהם מתפללין לה׳] **מִסְתָּם העלפט זיי דער אייבירשטער אַז זיי זענען זוכה אַז זיי קאָנען לערנען צו אַ תַּכְלִית** [באופן וואָס ס׳זאָל ברענגען אַ כֹּחַ הַתּוֹרָה מיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מיט כְּבוֹד שָׁמַיִם]**.**

**און ממילא ׳די׳ בתי מדרשות וואָס מ׳לערנט אויף אַזאַ׳ן אופן, זענען עתידין ליקבע בארץ ישראל** [ועל כן נחשב גם עתה על שם העתיד, כאילו הם ״על האדמה״, ולכן כששמע רבי יוחנן שמאריכין בתפילה בבוקר ובערב, אמר] **הַיְינוּ דַּאֲהַנִי לְהוּ** [שהם מאריכין ימיהם ושנותם]**.**

סא

**איז טאַקע לויט ׳דעם׳ פְּשַׁט** (השני) **פאַרענטפערט דעם רי״ף׳ס קשיא,** [אויף דעם **וואָס ער זאָגט דעם ״מְקַדְּמֵי וּמְחַשְׁכֵי״,** [אף להפשט של המהרש״א והשל״ה דהתירוץ הוא עבור שעתידין בתי כנסיות ליקבע בארץ ישראל, דמ״מ עדיין נצרך לזה גם בחינת לשמה ותורה כהלכה, וזה בא ע״י שמאריכין בתפילה לבקש רחמים לכוון על דבר אמת, ובלשון ״מקדמי ומחשכי״ הכוונה שהם מאריכין בתפילה וכפירש״י]**.**

סב

**נאָר דיביידע בחינות** [שבביאור הגמרא דברכות] **לעולם, זענען אֱמֶת.**
[דאופן הראשון] **דאָס איז אַ גמרא** [בכתובות בענין] **מְצַפֶּה לִרְאוֹתָהּ.**
**און ׳די׳ בחינה** [שבאופן השני] **קאָן מען** [אויך] **זאָגן.**
**ס׳איז נִיתַּן לְהֵאָמֵר ביידע בחינות.**

פג

# ישוב הקושיות בענין ישיבת יעקב בְּבֵית עֵבֶר

**נאָר לאָמיר צוריקקומען צו דעם וואָס איך האָב געשמועסט** [אין] **דעם אַנדערן פאַל** (באופן השני). [אַז אויף] **דעם כֹּחַ הַתּוֹרָה ברויך מען גרויס סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא** [לכוון על דבר אמת ולעסוק בתורה לשמה]**.**

---

[מא] מלשון הדברי יואל.

[מב] וכמו שפירש רש״י שם בכוונת ״מקדמי ומחשכי״, כלומר שמאריכין בבית הכנסת. וממילא מתורץ בזה קושיית הרי״ף, למה נקט מקדמי ומחשכי דוקא, דזה מורה על שמאריכין בתפילה בבוקר ובערב, וכמפורש ברש״י. [וכמו שביאר רבינו באורך באופן הראשון, וביום א׳ תולדות].

### פד

### הקדמה ב - לישוב קושיא ח

(עד אחר אות ק)

ענין הסכנה והחורבן של מקומות התורה שיש בהם לומדים כאלו שהם מגלים פנים בתורה שלא כהלכה, ומעמידים כל דברי פסוליהם בתוך דברי התורה, ואפילו עניני מינות, והן המה המכבים נר התורה

**בעוונינו הרבים,** [הנה אמרו חכז״ל] (עי׳ בבא מציעא פח.) **לא חרבה ירושלים אלא מפני שהעמידו דבריהם על דין תורה,** [ומפרש **בנועם מגדים**[מג] שכל מה שעשו שלא כדת, תלו עצמן לומר שכן כתוב בתורה, ע״י שגילו פנים בתורה שלא כהלכה].

[וכן רואין עתה בדורינו] **מ׳שטעלט אַלעס אַריין אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, די אַלע** [מְקוֹמוֹת] **בעוונינו הרבים וואָס ס׳איז דאָ - איך דאַרף נישט אויסרעכענען, איך דאַרף נישט זאָגן - ס׳איז דאָ מְקוֹמוֹת וואָס מ׳לערנט מינות** [און] **אפיקורסות, און ס׳הייסט אויך ׳יְשִׁיבוֹת׳. נישט קיין נפקא מינה, איך דאַרף נישט רעכענען קיין ׳נעמען׳, נאָר יעדער קאָן דאָס פאַרשטיין** [וואָס מ׳מיינט].

**ס׳איז גאָרנישט מְסוּפָּק צו זיין אין דעם,** [דיש אף מקומות כאלה וואָס] **ס׳האָט אויך ׳דעם׳ נאָמען** [ישיבה או בית המדרש], **ס׳קומט אויך מיט אַ חשבון פון ׳תּוֹרָה׳.**

**בעוונינו הרבים דאָס איז דאָך זייער כֹּחַ** [של המסיתים ומדיחים, מה שיש לצדם גם לומדי תורה].

### פה

והוא כעין משל המבואר במדרש דכשנברא ׳הברזל׳ התחילו האילנות מרתתין, ואמרו להם מה אתם מרתתין, ׳עֵץ׳ מכם אל יכנס בי, ואין אחד מכם ניזוק

**ווי ס׳שטייט דער מדרש זאָגט, דער מדרש רבה זאָגט**[מד]**, ווען ס׳איז אַרויסגעקומען דאָס אייזן איז באַשאַפן געוואָרן, האָבן דיביימער געציטערט.**

**האָט מען זיי געענטפערט, אַז דאָרט וועט נישט זיין עפּעס פון ׳ענקער מין׳ אַליין, זאָלט עטס נישט פאַרכטן.** [ווייל דעמאָלטס] **קען מען ענק גאָרנישט טון.**

**דאָס הייסט: אַז מ׳נעמט אַ האַק** [פון ׳אייזן׳]**, מ׳וויל האַקן, מוז מען האָבן אַ ׳האָלצערנע׳** [הענטל]**, לייגט מען אַריין אַ ׳האָלץ׳** [דערין, ואז ראוי לקצץ ולחטוב בו].

**אַזוי זאָגט דער מדרש, זאָגן זיי**[מה] **דאָס איז אַ מָשָׁל.**

---

[מג] **בנועם מגדים פרשת מטות: או יאמר וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה** [אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת]. **עם אמרם ז״ל** (יומא יט:) **לא חרבה ירושלים כו׳** [אלא בשביל] עבודה זרה גילוי עריות כו׳, ובמסכת ב״מ (פח.) **אמרו מפני מה חרבו חנויות של בית הִינוֹ שלשה שנים קודם ירושלים, מפני שהעמידו דבריהם על דברי תורה, יעיין שם. ○ וביאור הדבר נראה, כי לכל חטא אשר יחטא האדם ואשם, תגדל אשמתו יותר ויותר אם אינו מכיר ומודה על כל פנים שחטא, רק אומר שכך נאה ויפה לו, ושורת הדין הוא כך, ומראה פני היתר לעצמו לטהר השרץ. כאשר יאמר הכתוב מקרא מלא** (ירמי׳ ב, לה) **הִנְנִי נִשְׁפָּט אוֹתָךְ עַל אָמְרֵךְ לֹא חָטָאתִי וכו׳. וכך היא מדתו ודרכו של אלקינו המרחם המודה ועוזב, וירבה לסלוח. וזהו אמרו רבותינו ז״ל שהעמידו דבריהן על דברי תורה, כל דברים שעשו, אמרו שזהו דת ודין תורה. ועל דרך שפירשנו כָּל הֵרַע אוֹיֵב בַּקֹּדֶשׁ** (תהלים עד, ג), **שעל כל שהרע, אומר שהוא בקודש, זהו קשה מן החטא. ○ וזהו יאמר הכתוב אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת, דברים הראשים שהטו אותם, או שהיה ראש להטיה, כמו שאמרו ז״ל שחרב ג׳ שנים קודם ירושלים, הרי זה ראש למפלה והטיה מגדלותם, יהיה זה לֵאמֹר, לסיבת לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר** [אֲשֶׁר צִוָּה ה׳] **כו׳, על כל מה שעשו מהרע, היו אומרים זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה כו׳, והבן היטב אז תשכיל.**

[מד] **בבראשית רבה** (ה, י): **כיון שנברא הַבַּרְזֶל, התחילו הָאִילָנוֹת מְרַתְּתִים. אמר להן** [הברזל], **מה לכם מְרַתְּתִין, עֵץ מכם אל יכנס בי, ואין אחד מכם ניזוק.** [ופירש ביפה תואר: שאין הגרזן חוצב אלא על ידי שיש בו בית יד של עץ, שאין דרך לעשותו אלא של עץ].

[מה] **ביפה תואר שם: כיון שנברא הברזל כו׳. מָשָׁל בעלמא הוא, שהיו אומרים בימים ההם. וכן אמרו בפרק אחד דיני ממונות** (סנהדרין לט:) **גבי חזון עובדיה, היינו דאמרי אינשי מִינֵּיהּ וּבֵיהּ אָבָא נֵיזַל בֵּיהּ נַרְגָּא** [פירש״י שם: אָבָא

**פו**

והנמשל, דכל זמן שאין הרשעי ישראל מסייעים להאומות, אין הם יכולים להרע לישראל

[והנמשל הוא]: **חלילה מ׳קאָן נישט טון גאָרנישט** [להרע ולהזיק] **פאַרן כֹּחַ הַתּוֹרָה** [און] **פאַר אידן,** [ווילאַנג] **אַז ס׳איז נישט אַריינגעמישט** [כח מהרשעי ישראל].

**די גוֹיִם אפילו חלילה, אַז ס׳איז נישט אויסגעמישט פון די רִשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, האָבן זיי נישט קיין שְׁלִיטָה.** – [עד כאן דברי המדרש].

**פז**

וכמו כן בתוך ישראל עצמן, כל זמן שהעמי הארצים או המומרים ואפיקורסים אין להם גם תלמידי חכמים המחפים עליהם ומסייעים אותם בגילוי פנים בתורה, אין הם יכולים להחליש כח התורה והאמונה

[וכמו כן לענינינו:] **חלילה עַמֵּי הָאֲרָצִים אַקעגן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים** [אמתיים], **אַקעגן כֹּחַ הַתּוֹרָה. צי מוּמְרִים** [אַקעגן שומרי תורה].

[אויב] **אַז ס׳איז נישט אַריינגעמישט** [גם מאותן המכונים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים]. **זיי מישן אַריין נעבעך תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואָס ׳ס׳הייסט׳** [אַזוי].

**דער יֵצֶר הָרָע** [איז אויך] **נדמה לו כתלמיד חכם, אַזוי ווי ס׳שטייט דאָרטן**[מו] **אין** [פרשת] **וישלח** [אצל וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ], **ווי ס׳שטייט דאָרט** [אַז] **דער ס״מ** [נדמה לו ליעקב כתלמיד חכם].

[עכ״פ] **אַז ס׳איז נישט אַריינגעמישט** [מכם ובכם], **האָבן זיי נישט קיין שְׁלִיטָה** [אויף אידן, און אויף די תורה].

(המשך עיקר הדרוש בפרשתן, באות קא)

**פח**

# ביאור בפרשת תולדות - בענין יצרו של עשו

בגמרא מסיק דיצר הרע שולט באדם משעת יציאתו לאויר העולם, ולא בעודו במעי אמו. ולפי זה הקשו על מה שאמרו דבשעה שהיתה רבקה עוברת על פתחי עבודת כוכבים היה עשו מפרכס לצאת, והלא אין יצה״ר שולט באדם מקודם שנולד

**אַ פֶּלֶא.**

**איך האָב אַזוי אינזין געהאַט דעם שבת** [פרשת תולדות, בענין מה שדרשו (ב״ר סג, ו) בפסוק

---

(פירושו) יער, מעצמו של יער יכנס בתוך הגרזן להיות בית יד, ויקצצו בו את היער, וכן עובדיה (התנבא) לאדום, ודוד למואב, והוא יצא מרות המואביה].

וז״ל רבינו **בדברי יואל תולדות** (עמוד תרמג): דהנה באמת אמרו ז״ל אין כוחן של ישראל אלא בפה, ובזמן שקולו של יעקב מצוי בבתי כנסיות אין ידי עשו שולטת בהן. אך בתנאי אם הקול הוא קולו של יעקב בלבד, ונקי מתערובת דיעות נפסדות הבאים מסיטרא דעשו. אבל אם ח״ו מערבים רע בטוב, לגלות פנים בתורה שלא כהלכה, ומכל שכן להכניס דיעות נפסדות ואפיקורסות בתורה הק׳, זה גורמת ח״ו חורבן ואבדון רח״ל, ונותנת כח לחזק ידי עשו. ○ **ועל דרך שפירש בנועם מגדים** אמרם ז״ל וכו׳ מפני שהעמידו דבריהם על דין תורה, ופירש הוא ז״ל שכל מעשיהם הרעים שעשו, העמידו אותם על דין תורה, ואמרו שזהו דת ודין תוה״ק, וזאת גרם להם שחרבו, ושלטו בהם ידי עשו, עיי״ש. ○ וכמו כן אם הידים ידי עשו בלבד, ואין להם סיוע מרשעי ישראל, אין יכולים לשלוט בנו לעולם. וכל הצרות שעברו על ישראל, כולם נסתבבו בסיוע כח מרשעי ישראל, וככה מצינו בחורבן בית המקדש שבריוני ישראל גרמו להחריבה, ובימי החשמונאים רשעי ישראל היתה ידם עם היונים, ואלמלא כן לא היו יכולים להרע ולהצר לישראל. ועל דרך שאמרו ז״ל **בבראשית רבה** (ה, י) כיון שנברא הברזל התחילו האילנות מרתתים, אמר להן מה לכם מרתתין, עץ מכם אל יכנס בי ואין אחד מכם ניזוק. **ופירש היפה תואר דמשל הוא בפי הבריות וכו׳**, עיי״ש. **ורש״י ז״ל** בפרשת בחקותי (כו, יש) הביא דברי התורת כהנים [שם, בפסוק] ורדו בכם שנאיכם, איני מעמיד שונאים אלא מכם ובכם עיי״ש.

[מו] **בגמרא חולין** (צא.): וטעמא מאי [אמר רבי יהודה דאין לוקין אלא בגיד הנשה של ירך ׳ימין׳], אמר רבא, אמר קרא ׳הַיָּרֵךְ׳ (וישלח לב, לג), המיומנת שבירך וכו׳. רבי שמואל בר נחמני אמר, **כעובד כוכבים נדמה לו**, דאמר מר ישראל שנטפל לו עובד כוכבים בדרך, טופלו לימינו. רב שמואל בר אחא קמיה דרב פפא משמיה דרבא בר עולא אמר, **כתלמיד חכם נדמה לו**, דאמר מר המהלך לימין רבו הרי זה בור וכו׳.

KolSatmar.com

וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ, דבשעה שהיתה עוברת על בתי עבודת כוכבים עשו רץ ומפרכס לצאת. ובזה מצינו] מילא ס׳איז דאָך אַ גאַנץ עֵסֶק, אַ טוּעֶכטס.

[דהנה] די גמרא זאָגט[מז], ׳ווען׳ קומט אָן דער יֵצֶר הָרָע [בלב האדם]. מ׳וויל זאָגן, רבי האָט געוואָלט זאָגן קודם, אַז ס׳איז נאָך בִּמְעֵי אִמּוֹ. זאָגט ער ניין, נאָר מִשֶּׁנִּנְעַר לָצֵאת [לאויר העולם, בעת לידתו, אָבער] פריער [במעי אמו] איז נישטאָ קיין יֵצֶר הָרָע.

פלאָגט מען זיך [מיט] קשיות[מח], וויאַזוי דען איז עֵשָׂו געווען מְפַרְכֵּס [לָצֵאת] אויף עבודה זרה [כשעודו היה במעי אמו]. אַז ס׳איז נישטאָ קיין יֵצֶר הָרָע [במעי אמו], וואָס איז דאָ געשען, פאַרוואָס ׳דאָס׳ איז אַנדערש געווען.

זאָגט מען תירוצים.

**פט**

ותירצתי בזה, דשאני עשו הרשע, דשרו של עשו הוא השטן הוא היצר הרע, ולכן מיד כשנוצר שלט בו שרו

[נאָר] דאָס האָב איך אַמאָל געזאָגט[מט], - שוין אַסאַך מאָל, - ווייל שָׂרוֹ שֶׁל ׳עֵשָׂו׳ איז דער יֵצֶר הָרָע [שהוא השטן הוא הס״מ, איבערדעם ביי] ״עֵשָׂו״ איז געווען אַנדערש, ביי עֵשָׂו׳ן איז געווען אַן אַנדערע מַעֲשֶׂה, ביי עֵשָׂו׳ן האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן דעמאָלטס [אף במעי אמו], ווייבאַלד ער איז ׳געווען׳ [שכבר היה נוצר בעולם, אף בעודו במעי אמו] איז שוין געווען דער שַׂר [שלו], איז שוין געווען [אַז] דער ס״מ האָט זיך פאַרלייגט [אויף אים, ולכן] ביי ׳אים׳ איז נאָך געווען בִּמְעֵי אִמּוֹ [דער יֵצֶר הָרָע], ער איז אַנדערש געווען ווי ערגעץ אַנדערש.

**צ**

אבל לעומת זה אכתי יוקשה דמצינו בפסוק וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים, שדרשו דבעודם קטנים
לא היו ניכרים במעשיהן, ורק לאחר שנעשו בני י״ג שנה, פירשו זה לצדקו וזה לרשעו

נו גוט, רעכט, דאָס קאָן מען פאַרשטיין.

דאָ איז אָבער [לפי זה] אַ גרויסע קשיא.

ס׳שטייט (תולדות כה, כז) וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים, [ופירש רש״י[נ] ומקורו במדרש רבה[נא]] ווילאַנג זיי זענען געווען קְטַנִּים האָט מען נישט דערקענט [מה טיבם, אָבער ווען] זיי זענען געוואָרן

---

[מז] בגמרא סנהדרין (צא:): אמר לו אנטונינוס לרבי, מאימתי יצר הרע שולט באדם, משעת יצירה או משעת יציאה. אמר לו משעת יצירה, אמר לו אם כן בועט במעי אמו ויוצא, אלא משעת יציאה. אמר רבי, דבר זה למדני אנטונינוס, ומקרא מסייעו, שנאמר (בראשית ד, ז) לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ.

ובבראשית רבה (לד, י): שאל אנטונינוס את רבינו, אמר לו מאימתי יצר הרע נתון באדם, משיצא ממעי אמו, או עד שלא יצא ממעי אמו. אמר לו עד שלא יצא ממעי אמו. אמר לו לאו, שאילו היה נתון בו עד שהוא במעי אמו היה חוטט את בני מעיה ויוצא. והודה לו רבי, שהשוה לדעת המקרא, שנאמר (בראשית ח, כא) כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעֻרָיו, ר׳ יודן אמר מִנְּעָרָיו כתיב [חסר ו׳], משעה שהוא נִנְעָר לצאת ממעי אמו.

[מח] במהרש״א (סנהדרין שם): לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ כו׳. ויש להקשות מהא דאמרינן פרק ב׳ דיומא (פב:) ההוא עוברה דארחה ביום הכיפורים, אתאי לקמיה דר׳ מאיר, אמר להו לחישו לה ולא אלחישא, קרי עליה זֹרוּ רְשָׁעִים מֵרָחֶם (תהלים נח, ד). מהא מוכח ששולט יצר הרע גם במעי אמו. ובהא יש ליישב, דעל ידי אמו כי התם, אפשר דשולט בו יצר הרע קודם היציאה, אבל בוולד עצמו אינו שולט יצר הרע, דאם כן היה בועט ויוצא. אך קשה מהא דדרשינן גבי וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ, שהיתה עוברת על פתח עבודת כוכבים והיה עשו מפרכס לצאת, וק״ל.

ועיין עוד בספר חסידים (סימן תתשלז) מה שכתב לתרץ בזה.

[מט] עיין בדברי יואל תולדות (עמוד תרה, ועוד).

[נ] ברש״י תולדות (כה, כז): וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים וַיְהִי עֵשָׂו. כל זמן שהיו קְטַנִּים לא היו נִכָּרִים במעשיהם, ואין אדם מדקדק בהם מה טיבם, כיון שנעשו בני שלש עשרה שנה זה פירש לבתי מדרשות וזה פירש לעבודת כוכבים.

[נא] בבראשית רבה (סג, י): וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים. רבי לוי אמר מָשָׁל לְהֲדַס וְעִצְבוֹנִית שהיו גְּדֵלִים זה על גבי זה, וכיון שהגדילו והפריחו, זה נותן רֵיחוֹ וזה חוֹחוֹ. כך כל י״ג שנה, שניהם הולכים לבית הספר, ושניהם באים מבית

KolSatmar.com

׳בַּר מִצְוָה׳ [כשנעשו בני י״ג], האָט מען שוין געזען אַז ׳דער׳ גייט אין בית המדרש, און ׳דער׳ גייט לעבודה זרה. עֵשָׂו גייט ׳דאָרט׳.

האָט מען שוין געזען דעם חילוק.

**צא**

ועל זה הקשו עוד, דהלא אמרו חכז״ל כי הסתלקות אברהם אבינו הוקדם בה׳ שנים, כדי שלא יראה האיך עשו יוצר לתרבות רעה באותו יום, ואז היה בן ט״ו שנה. ומתרץ המזרחי, דמבן י״ג עשה עבירות בצנעא, אבל בבן ט״ו יצא בגלוי לתרבות רעה, ואז נתפרסם רשעו

פרעגט מען נאָך ווייטער, וואָרן ס׳שטייט דאָך [להלן ברש״י שם[נב], ומקורו גם כן במדרש רבה[נג], אַז] אברהם אבינו איז נסתלק געוואָרן [פינף יאָר פריער], כדי ער זאָל נישט זען [ווי] עֵשָׂו [איז יוצא] לתרבות רעה. [און] לויט דעם חשבון פון די יאָרן, איז ער שוין געוועזן ט״ו שנה ווען אברהם איז נסתלק געוואָרן. [וא״כ לכאורה יש כאן סתירה, דלעיל אמרו דבבן י״ג כבר הוכר טיבו של עשו, וכאן אמרו דרק כשהיה בן ט״ו יצא לתרבות רעה].

ענטפערט דאָך דער מזרחי[נד], [ווייל] ס׳איז נאָך געווען באַהאַלטן [רשעו של עשו], נאָך ביי די דרייצן יאָר האָט ער שוין ׳געטון׳ [עבירות], און מ׳האָט שוין ׳געזען׳ [עפּעס אויף אים], אָבער מ׳האָט נאָכנישט געוואוסט ׳יעדער׳, [וממילא] אברהם אבינו האָט עס נאָכנישט [געוואוסט], ער איז נאָכנישט געוואָר געוואָרן. [אבל כשנסתלק אברהם והיה בן ט״ו, יצא עשו לתרבות רעה בגלוי, ונתפרסם רשעתו לכל, ולכן הוקדם זמן הסתלקות אברהם, כדי שלא יראה זאת].

**צב**

אבל עכ״פ יוצא מזה דקודם שנעשה בן י״ג שנה, עדיין לא חטא. וקשה דהלא במעי אמו כבר היה לו יצר הרע, אף שאין היצה״ר שולט אז בשאר אנשים. ולאחר שנולד, שאז מתחיל שליטת היצר הרע בכל אדם, האיך הוטב אז מעמדו של עשו, שלא חטא עד שנעשה בן י״ג שנה

היוצא לנו מזה, מילא ביז דרייצן יאָר - זעט אויס - האָט ׳קיינער׳ נישט געוואוסט. און נאָך דרייצן יאָר, האָט אויך ׳נישט יעדער׳ געוואוסט.

**צג**

נו [על זה קשה, דהלא בעודו] אין די מוטערס בויך האָט ער זיך נישט געקענט ׳אויפהאַלטן׳, און האָט געוואָלט ׳אַרויסשפּרינגען׳ צו דער עבודה זרה. נו [מילא]

---

הספר. לאחר י״ג שנה, זה היה הולך לבתי מדרשות, וזה היה הולך לבתי עבודת כוכבים. אמר רבי אלעזר צריך אדם להטפל בבנו עד י״ג שנה, מיכן ואילך צריך שיאמר בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי מֵעוֹנְשׁוֹ שֶׁל זֶה.

[נב] ברש״י תולדות (שם, ל): [הַלְעִיטֵנִי נָא] מִן הָאָדֹם הָאָדֹם. עדשים אדומות, ואותו היום מת אברהם, שלא יראה את עשו בן בנו יוצא לתרבות רעה ואין זו שיבה טובה שהבטיחו הקב״ה, לפיכך קצר הקב״ה ה׳ שנים משנותיו, שיצחק חי ק״פ שנה וזה קע״ה שנה, ובישל יעקב עדשים להברות את האבל וכו׳.

[נג] בבראשית רבה (סג, יב): וַיָּבֹא עֵשָׂו מִן הַשָּׂדֶה. רבי יודן וכו׳ בשם רבי סימון, אַתְּ מוצא אברהם חָיָה קע״ה שנה ויצחק ק״פ, אלא אותן ה׳ שנים שֶׁמָּנַע הקב״ה מחייו, מפני שעבר עֵשָׂו שתי עבירות, שבא עשו על נערה המאורסה שנא׳ (דברים כב, כז) כִּי ׳בַשָּׂדֶה׳ מְצָאָהּ. וְהוּא עָיֵף, שהרג את הנפש, היך מה דאת אמר (ירמיה ד, לא) כִּי עָיְפָה נַפְשִׁי לְהֹרְגִים. רב אמר אף גָּנַב וכו׳. אמר הקב״ה כך הבטחתי את אברהם ואמרתי לו, וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם (בראשית טו, טו), זו היא שיבה טובה, והוא רואה לְבֶן בְּנוֹ עובד עבודת כוכבים ומגלה עריות ושופך דמים, מוטב לו שיפטר בשלום זה הוא שכתוב (תהלים סג, ד) כִּי טוֹב חַסְדְּךָ מֵחַיִּים.

[נד] בפירוש הרא״ם (תולדות שם, כז): ואם תאמר, והלא לא יצא עֵשָׂו לתרבות רעה עד שהיה בן חמש עשרה שנה, שמת אברהם אביו זקנו וכו׳. יש לומר, דאותן שתי שנים שמשלש עשרה עד חמש עשרה, אף על פי שהיו ניכרים במעשיהם, לא היו אלא ׳בצנעה׳. אבל אחר חמש עשרה היו ניכרים ׳בפרהסיא׳, זה לצדקו, וזה לרשעו לצוד ולרמות את אביו.

KolSatmar.com

מ׳זאָגט [לתרץ, כי] ׳ער׳ איז געווען דעמאָלטס אויך שוין אַזוי [שכבר היה לו יצר הרע אף במעי אמו], אָבער אַז ער זאָל ׳בעסער׳ ווערן מִשֶּׁנִּנְעַר לָצֵאת?

[והלא] מִשֶּׁנִּנְעַר לָצֵאת באַקומט דאָך ׳יעדער׳ אַ יֵצֶר הָרָע, די וואָס זענען אפילו גוט בִּמְעֵי אִמּוֹ [און] זיי האָבן נישט קיין יֵצֶר הָרָע, [איז] מִשֶּׁנִּנְעַר לָצֵאת ווערן זיי אַרגער. [און] פלוצים עֵשָׂו איז גאָר בעסער געוואָרן מִשֶּׁנִּנְעַר לָצֵאת? וויאַזוי איז דאָס עפּעס?

וויאַזוי קען דאָס זיין, אַז ׳דעמאָלטס׳ איז ער געווען שלעכט, און מִשֶּׁנִּנְעַר לָצֵאת איז ער געוואָרן ׳בעסער׳. מ׳מוז דאָך עפּעס פאַרשטיין.

**צד**

אמנם הביאור בזה, כי לעולם חטא גם בקטנותו, אולם כל זמן שלא היה יודע ללמוד, ולא היה אפשר לומר עליו שהוא תלמיד חכם, לא היה רשעו ידוע לשום אחד, כי לא היה מעיז פניו לצאת בגלוי

האָב איך געזאָגט[נה] קאָן זיין פָּשוּט, אַ פָּשׁוּט׳ן הֶסְבֵּר.

[דהנה] דאָס האָב איך שוין פריער געזאָגט (באות פז), אַז [אויב] ס׳איז נישט אַריינגעמישט די וואָס זיי ׳הייסן׳ תלמידי חכמים, שעמט מען זיך [די רשעים] אַרויס צו גיין בְּגָלוּי.

**צה**

וכבר פירשתי בדברי המשנה הַמְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה שלא כהלכה, שמפרש שם הברטנורא ב׳ פשטים. א] שמראה פנים ופירושים בתורה שלא כהלכה. ב] שמעיז פניו לעבור על דברי התורה בפרהסיא. ועדיין קשה אומרו מְגַלֶּה פָּנִים ׳בַּתּוֹרָה׳, דלפירוש הראשון הרי ׳שלא כתורה׳, ולפירוש השני גם כן הרי מעיז פנים ׳נגד התורה׳

ווי איך האָב געזאָגט[נו] [לפרש וואָס] ס׳שטייט (אבות ג, יא) הַמְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה שלא כהלכה, [אין לו חלק לעולם הבא].

זאָגט דער ברטנורא צוויי פְּשָׁטִים[נז]:

איינס, [אַז] ער זאָגט אינגאַנצן שלא כהלכה. [אבל על זה קשה דאם כן] איז דאָך נישט מְגַלֶּה פָּנִים ״בַּתּוֹרָה״, [שהרי אומר ׳שלא כתורה׳].

און ווידעראום [זאָגט ער אַ צווייטן פְּשַׁט], ״מְגַלֶּה פָּנִים״ בַּתּוֹרָה, [אַז] ער טוט בְּפַרְהֶסְיָא [ומעיז פניו, לעבור על התורה]. איז דאָך עס [ווייטער] נישט ״בַּתּוֹרָה״, איז עס נאָר [מְגַלֶּה פָּנִים בלבד. ולפירוש הראשון] איז עס נישט קיין ״מְגַלֶּה פָּנִים״ [אויך נישט][נח].

---

[נה] עיין באורך בדברי יואל תולדות (עמוד תקס-תקסב).

[נו] בכמה דרושים, ומהם בס״ג בהר בחקותי תשט״ז (ומובא להלן), וס״ג תולדות תשכ״ד, ובדברי יואל תולדות (עמוד תרו, ועיי״ש עוד באורך קרוב לכל ענין זה המבואר כאן).

[נז] בפי׳ הברטנורא (אבות שם): והמגלה פנים בתורה. שמראה פנים ופירושים בתורה שלא כהלכה, כגון שמתרגם וּמִזַּרְעֲךָ לֹא תִתֵּן לְהַעֲבִיר לַמֹּלֶךְ (אחרי יח, כא), ומזרעך לא תתן לאעברא ׳לארמיותא׳, ואין זה פשוטו של מקרא. ובכלל זה הדורש דרשות של דופי. ○ פירוש אחר, מגלה פנים, שמעיז פנים לעבור על דברי תורה בפרהסיא ביד רמה, ואין לו בושת פנים.

[נח] וז״ל בחידושי תורה תשט״ז (ס״ג בהר בחקותי, עמוד תקט): ולכאורה ב׳ הפירושים דחוקים קצת בלשון המשנה, דלפירוש הא׳ שמראה פירושים שלא כהלכה, צריך ביאור מה שאמרו המגלה פנים ״בתורה״, דמה שהוא שלא כהלכה, הרי הוא שקר ואינו אמת, וא״כ אין זה פנים ״בתורה״ כלל. וגם מהו לשון ״המגלה״ דמשמע שמקודם היה מכוסה ועכשיו נתגלה על ידו, והלא דבריו הם שקר, ולא היו בעולם לא מקודם ולא עכשיו, וא״כ אין שייך על זה לשון ״מגלה״, כי לא היו דברים מעולם. ולפי׳ הב׳ שמעיז פניו לעבור בפרהסיא, הגם שלפ״ז שפיר נופל בו לשון ״המגלה פנים״, שהרי באמת צריכין להתבייש עם העבירה בפני אנשים, וכמ״ש (ברכות כח:) יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם, והוא אין לו בושת פנים ועובר על התורה בגילוי פנים, אבל מ״מ קשה דאין זה מגלה פנים ״בתורה״. וכן צ״ב מה שהאריך לומר המגלה פנים בתורה ״שלא כהלכה״, והלא כל עבירה הוא נגד ההלכה, והול״ל המגלה פנים בעבירה.

KolSatmar.com

**צו**

ואמרתי דשני הפירושים בקנה אחד עולים, דע״י שמפרש דברי התורה שלא כדת, ויכול להצדיק את כל מעשיו הרעים כאילו הם על פי התורה, עי״ז שוב אין לו בושת פנים לעבור על דברי תורה, ומדוקדק לשון המשנה

**האָב איך געזאָגט, ס׳איז ביידע** [אינאיינעם] **זענען אֱמֶת.**

**אַז ער איז מְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה** [׳שלא כהלכה׳, דהיינו] **ער זאָגט אַ ׳פְּשַׁט׳** [בדברי התורה] **אַזוי ווי ׳אים׳ טויג,** [על ידי זה] **קען ער טון בְּפַרְהֶסְיָא, וואָרן ער שעמט זיך נישט, וואָרן אַז ער קען אַריינשטעלן אין די תּוֹרָה מוז ער דאָך זיין אַ תלמיד חכם ער זאָל קענען אַריינשטעלן אין די תּוֹרָה,** [והוא מתרץ כל מעשיו הלא טובים כאילו הם על פי התורה, ועי״ז אין לו בושת פנים לעשות כן. ונמצא דשני הפירושים בקנה אחד עולים, ומיושב כל הדקדוקים בלשון המשנה].

**צז**

והנה קודם שנולד האדם הרי אמרו בגמרא שאז מלמדין אותו כל התורה כולה, ואם כן במעי אמו היה עשו עצמו בקי בתורה כתלמיד חכם, ועל כן שפיר היה מפרכם לצאת בגלוי לפתחי עבודה זרה

**נו דעמאָלטס** [בימי יעקב ועשו] **איז נישט געווען קיין תלמידי חכמים זיי זאָלן מסייע זיין** [לעשו]**, תלמידי חכמים איז דאָך נישט געווען** [בעולם, רק יצחק ויעקב].

**נאָר ס׳שטייט דאָך אָבער אין די גמרא**[נט]**, ווען דער תינוק איז בִּמְעֵי אִמּוֹ, לערנט אים דער מלאך** [אויס] **כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.**

[ונמצא כי] **אַזאַ ׳גָּדוֹל׳ איז ער דאָך דעמאָלטס,** [וואָס] **ער קאָן ׳כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ׳.**

**צח**

**נו אַז אַזאַ ׳גָּדוֹל׳ דינט די עבודה זרה? דער איז טאַקע נישט צום אויסצוהאַלטן! האָט ער טאַקע ׳געשפּרינגען׳ בְּגָלוּי, איז טאַקע זייער נישט גוט געווען מיט אים.**

**צט**

אבל לאחר שיצא לאויר העולם, הרי אמרו דבא מלאך ומשכחו כל התורה, ואם כן שוב היה עשו עם הארץ. ותלמידי חכמים אחרים שיעמדו בשיטתו של עשו, עדיין לא היה באותן ימים. ולכן התבייש עשו לעשות מעשים רעים בגלוי, ולגלות פנים בעבירה נגד התורה

[אָבער] **כיון שיצא לאויר העולם, בא מלאך וסטרו על פיו**[נט] [ומשכח ממנו כל התורה.

---

אמנם **בהצטרף ב׳ הפירושים יחדיו יתיישב היטב לשון המשנה,** דהנה לעולם יש לכל אחד מורא בשר ודם, ואם עושין עבירה אין רוצין שיראוהו בני אדם, וכל העושין שלא כדין אין רוצין שידעו מזה ושיגלו הדבר לבני אדם, ועל כן הוא מתכסה מבני אדם, כי כסתה כלימה פניו. **אבל אם דורש בתורה פשטים שאינם אמתיים** אז הוא אומר שכן אמרה התורה, ובזה מעוור עיני העולם ומטעה אותם ע״י שמכניס דרך השקר בתוה״ק, ואף דבר שהוא יסוד המינות מלבישין אותו בלבוש של תורה, ונמצא שע״י שמגלה פנים בתורה שלא כהלכה, עי״ז **הוא יכול לעבור על התורה בפרהסיא** בלי שום בושה, כיון שצועק לאמר שהוא העושה הוא ומתנהג על פי התורה, וכמו שאמר אחאב על אליהו שהוא עֹכֵר יִשְׂרָאֵל (מלכים א׳ יח, יח). ואם כן שני הפירושים צדקו יחדיו, דע״י שיש לו פשטים כאלו ״בתורה״, שהם ״שלא כהלכה״, עי״ז הוא יכול להיות ״מגלה פנים״, שהוא מעיז פנים בפרהסיא ואין לו בושה להתנהג ולדרוש כנגד התורה, דע״י שהוא דורש דרשות של דופי בתורה יש לו במה להתלות, כי אלמלא זאת היה מתבייש והיתה כלימה מכסה פניו, רק ע״י הפשטים שלו שמכניס בתורה עי״ז הוא מעיז פנים, **וע״כ קראוהו חכז״ל המגלה פנים בתורה שלא כהלכה.**

[נט] **בגמרא נדה** (ל:): דרש רבי שמלאי, לְמַה הולד דומה במעי אמו וכו׳, ונר דלוק לו על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו וכו׳. ואין לך ימים שאדם שרוי בטובה יותר מאותן הימים, שנאמר (איוב כט, ב) מִי יִתְּנֵנִי כְיַרְחֵי קֶדֶם כִּימֵי אֱלוֹקַ יִשְׁמְרֵנִי, ואיזהו ימים שיש בהם ירחים ואין בהם שנים, הוי אומר אלו ירחי לידה. **ומלמדין אותו כל התורה כולה,** שנאמר (משלי ד, ד) וַיֹּרֵנִי וַיֹּאמֶר לִי יִתְמָךְ דְּבָרַי לִבֶּךָ שְׁמֹר מִצְוֹתַי וֶחְיֵה, ואומר (איוב שם, ד) בְּסוֹד אֱלוֹקַ עֲלֵי אָהֳלִי וכו׳. **וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה,** שנאמר לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ. ואינו יוצא משם עד שמשביעין אותו וכו׳ תהי צדיק ואל תהי רשע, ואפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה הֱיֵה בעיניך כרשע, והוי יודע שהקב״ה טהור ומשרתיו טהורים ונשמה שנתן בך טהורה היא, אם אתה משמרה בטהרה מוטב וכו׳.

KolSatmar.com

וממילא לאחר שנולד עשו] **איז ער דאָך געוואָרן אַן עַם הָאָרֶץ, ער איז געוואָרן אַן עַם הָאָרֶץ.** [און אַז] **אַן עַם הָאָרֶץ אַז ער דינט די עבודה זרה? האַלט ׳ער׳** [אַליין] **זיך אויך צוריק** [מלצאת בְּגָלוּי, ווייל] **ער טרויעט זיך נישט** [להעיז פנים בְּגָלוּי].

[וממילא] **קיין אַנדערן תלמיד חכם האָט ער דאָך נישט געקאָנט האָבן ׳צו זיך׳,** [כי עדיין לא היו תלמידי חכמים בעולם זולת יצחק ויעקב שהם ממקור הקדושה]. **און ער אַליין איז שוין נישט געווען** [קיין תלמיד חכם, שיוכל לגלות פנים בתורה].

**׳פריער׳** [קודם שנולד] **איז ער אַליין געווען דער תלמיד חכם, אָבער דאָ אַז ער איז אַרויסגעקומען לַאֲוִיר הָעוֹלָם, איז ער דאָך שוין נישט געווען ׳גאָרנישט׳, ס׳איז ביי אים שוין נישט געווען קיין תּוֹרָה. האָט ער זיך אויפגעהאַלטן**[ס].

**ק**

וכשנעשה בן י״ג כבר היה יכול ללמוד, ולא היה מתבייש כל כך כמו מקודם, ולכן התחיל להיות ניכר במעשיו לקצת אנשים, אבל לא בפרסום. אבל כשנעשה בן ט״ו, ואמרו חכמים בן חמש עשרה ׳לתלמוד׳, אז יצא לתרבות רעה בפרסום וגילוי פנים, מכיון שכבר היה יכול לפלפל ׳בגמרא׳, ולהכניס בתורה פירושים שלא כדת כדי להצדיק את מעשיו הרעים

**אפשר, פאַרוואָס פונקט ביז ט״ו** [שנים, לא יצא בְּגָלוּי].

**ווייל די גמרא זאָגט בן ט״ו לגמרא, זאָגט דאָך די משנה** (אבות ה, כא), [וממילא ווען ער איז געוואָרן בן ט״ו, **האָט ער שוין געקאָנט לערנען ׳גמרא׳ אויך, איבערדעם איז שוין טאַקע צוריק ׳נישט גוט׳ געווען, איבערדעם איז ער צוריק געגאַנגען**[סא] [להעיז פנים בְּגָלוּי].

**על כל פנים איז גוט** [כל הענין בפרשת תולדות, בענין יצרו של עשו].

**קא**

## המשך הביאור בפרשתן

### הקדמה ג- לישוב קושיא ח

**היצט לאָמיר זען אַזוי:**

**די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה** [העלימה מה שישב יעקב בבית עבר. ולכאורה] **וואָס איז דאָס אַזאַ גרויסער סוד אַז ער איז געגאַנגען אין אַ ׳ישיבה׳ לערנען, אַזאַ גרויסער סוד?**

**ווי איך האָב פריער געפרעגט** (בקושיא ח).

**קב**

מצינו בפסוק וַתָּמָת דְּבֹרָה, שדרשו שנתבשר שם יעקב בפטירת רבקה. ולפי שהעלימו הבריות את יום מותה, שלא יקללו הבריות כרס שיצא ממנו עשו, לכן אף הכתוב לא פִּרְסְמָהּ

[נאָר] **לעולם טרעפט מען כעין זה,** [ס׳שטייט] (וישלח לה, ח) **וַתָּמָת דְּבֹרָה מֵינֶקֶת רִבְקָה** [וַתִּקָּבֵר מִתַּחַת לְבֵית קֵל תַּחַת הָאַלּוֹן, וַיִּקְרָא שְׁמוֹ] **אַלּוֹן בָּכוּת,** [זאָגט רש״י][סב] **ער איז** [דאָרט] **נִתְבַּשֵּׂר געוואָרן אויף די מוטער** [שמתה רבקה אמו].

---

[ס] פירוש: איינגעהאלטן, ולא יצא בגלוי.

[סא] שחזר לסורו הקודמת, שבמעי אמו, שאז היה מעיז פנים בגלוי, כיון שהיה בקי אז בתורה.

[סב] **ברש״י וישלח שם: ותמת דבורה.** מה ענין דבורה בבית יעקב, אלא לפי שאמרה רבקה ליעקב ושלחתי ולקחתיך, משם שלחה דבורה אצלו לפדן ארם לצאת משם, ומתה בדרך. מדברי רבי משה הדרשן למדתיה וכו׳.
○ **ואגדה** (בראשית רבה פא, ה. ותנחומא דלהלן), **נתבשר שם בְּאֵבֶל שני, שהוגד לו על אמו שמתה. אלון בלשון יְוָנִי ׳אחר׳** (ואלון בכות פירושו בכייה אחרת) [וי״ג: אלון בלשון יוני אֵבֶל]. **ולפי שהעלימו את יום מותה, שלא יקללו הבריות כרס שיצא ממנו עשו, אף הכתוב לא פִּרְסְמָהּ.**

**קג**

**פרעגט מען די קשיא, פאַרוואָס שטייט נישט אין די תּוֹרָה, פאַרוואָס שטייט נישט ווען רבקה אמנו** [איז נסתלק געוואָרן. ס׳שטייט נאָר אַז] **מ׳האָט אים דערציילט אַ מעשה וַתָּמָת דְּבֹרָה, און** [דעס] **אַז רבקה אמנו איז נסתלק געוואָרן שטייט נישט** [אַרויס]**, פאַרוואָס.**

**קד**

**זאָגט ער** [ברש״י שם בקיצור]**, ווייל ס׳איז געווען** [בשעתו] **בְּסוֹד.**

[ובתנחומא מבואר הדבר באורך][סג] **ווייל ס׳איז נישט געווען אינדערהיים נאָר עֵשָׂו**[סד]**,** [און אַז] **ער וועט זיך מִתְעַסֵּק זיין** [בקבורתה]**, וועט מען שעלטן דעם כֶּרֶס וואָס עֵשָׂו** [יצא משם]**, ווייל עֵשָׂו וועט אויסקומען** [ער] **זאָל זיך מִתְעַסֵּק זיין מיט איר.** [ולכן מפאת החשש] **טאָמער וועט זיך עֵשָׂו מיט איר מִתְעַסֵּק זיין, האָט מען עס געהאַלטן בְּסוֹד** [והתעסקו עמה אחרים בצנעא קודם שנתוודע לעשו]**.**

**איבערדעם שטייט עס נישט אין די תּוֹרָה.**

**קה**

ולכאורה צריך ביאור, דהא בזמן מיתת רבקה עדיין לא נתנה התורה, אלא בימי משה רבינו, וא״כ בזמן כתיבת התורה כבר לא היה החשש ההוא, ואם כן למה גם התורה העלימה מיתת רבקה

**די קשיא איז אָבער, מ׳דאַרף אַביסל פאַרשטיין דאַרף מען דאָך.**

**מילא ׳דעמאָלטס׳** [בְּשַׁעְתּוֹ] **איז עס געווען בְּסוֹד.** [אָבער] **׳דעמאָלטס׳ איז דאָך נישט געשטאַנען נאָך אין די תּוֹרָה, מ׳האָט דאָך עס נישט געשריבן אין ערגעץ. אָבער די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה האָט מען דאָך הערשט געשריבן שפּעטער, בימי משה רבינו,** [און] **דעמאָלטס האָט מען שוין נישט געשאָלטן קיין רבקה אמנו, ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל שעלטן, ס׳איז שוין נישט געווען קיין עֵשָׂו.** [אם כן לכאורה] **פאַרוואָס איז עס ׳דעמאָלטס׳ געווען בְּסוֹד** [גם בשעת מתן תורה, שהכתוב העלים זאת]**.**

**קו**

וצריך לומר, כי התורה קדמה לעולם, ואם היה נכתב זאת בתורה, היה קשה להיות הדבר בסוד גם בשעתו, שהם היו בעלי מוחות גדולים וידעו מהתורה עוד קודם שנתנה. ולכן גם התורה העלימה, זאת מכיון שהיה צריך להיות הדבר סוד בשעתו

[נאָר] **זעט אויס, אַז דעס וואָס** [ס׳האָט געדאַרפט זיין אַ ׳סוֹד׳ בשעת מעשה, העלימוהו גם מלכתוב בתורה להדיא, ווייל] **די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה איז דאָך נֶחְקָק געוואָרן די צורת האותיות**[סה] [עוד קודם בריאת העולם]**, דאָס איז דאָך פון לאַנג אויס, פון אייביג אויס, פון ׳פאַר׳ בריאת העולם, ווי דער רמב״ן זאָגט**[סו]**.**

---

[סג] **בתנחומא כי תצא** (סימן ד)**: ורבנן אמרי, גרם לה** [עֵשָׂו] **שלא תצא מטתה ברבים. אַתְּ מוצא, כשמתה רבקה** אָמְרִין מַאן יִפּוֹק קַמָּהּ, אברהם מת, יצחק יושב בבית עיניו כהות, יעקב הלך לו לפדן ארם. יִפּוֹק עֵשָׂו רַשִׁיעָא קַמָּהּ וימרון לייטון בריאתא בזייתא כדין ינקה, מה עָשׂוּ, **הוציאו מטתה בלילה**, שלא יהא עֵשָׂו יוצא לפניה, ויהיו הכל אומרים ארורים שָׁדַיִם שהניקו רשע זה. אמר רבי יוסי בן רבי חנינא, **לפי שהוציאו מטתה בלילה, לפיכך לא פירשו הכתובים מיתתה אלא מן הצד** [=בדרך אגב], שנאמר וַתָּמָת דְּבֹרָה מֵינֶקֶת רִבְקָה וגו׳ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ אַלּוֹן בָּכוּת, שבכו שתי בכיות. עד שיעקב יושב ומשמר [=ממתין] אצל מניקתה, באה לו בשורת אמו, שנאמר (לה, ט) וַיֵּרָא אֱלֹקִים אֶל יַעֲקֹב בְּפַדַּן אֲרָם וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ, מה ברכה ברכו, ברכת אבלים, לכך כתיב [על עשו] (תהלים קט, יד) וְחַטַּאת אִמּוֹ אַל תִּמָּח.

[סד] כי יעקב עדיין אז בדרך חזרתו מבית לבן.

[סה] אלו האותיות, עם צירופי תיבות אחרים. ועיין בדברי רבינו **בעל הגאולה ועה״ת** (סימן מ).

[סו] **בהקדמת הרמב״ן** על התורה: משה רבינו כתב הספר הזה עם התורה כולה מפיו של הקב״ה וכו׳. אבל זה

KolSatmar.com

**די תּוֹרָה איז קדמה לעולם**[סז]**.**

[ולכן היה בהכרח], **אַז דעס וואָס ס׳איז בשעת מעשה געוועזן אַ סוֹד, דעס קען נישט שטיין** [אָפּען] **אין די תּוֹרָה. אַזוי מוז איך דאָך זאָגן** [פְּשָׁט].

**קז**

**ווייל ווען ס׳העט גיווען געשטאַנען אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, איז דאָך עס קדמה לעולם, העט עס ׳דעמאָלטס׳** [בשעתו] **אויך גיווען געווען מְפוּרְסָם, וואָרן זיי זענען געווען מְבִינִים, און זיי האָבן געוואוסט** [דברי התורה]**.**

**אַסאַך** [איז געווען בדורם] **וואָס זיי האָבן גאָר געוואוסט די אַלע ענינים פון די שָׂרִים עֶלְיוֹנִים.**

**בַּעֲלֵי מוֹחוֹת זענען זיי דאָך געווען** [בדורות ההם], **בַּעֲלֵי הַשָּׂגוֹת.**

[ונמצא] **ס׳העט געווען ׳אויס סוֹד׳** [אם היה נכתב זה בתורה שקדמה לעולם]**.**

**און וויבאַלד אַז ס׳איז אַ ׳סוֹד׳** [בשעתו], **טאָר עס נישט שטיין אין די תּוֹרָה.**

**קח**

**הקדמה ד- לישוב קושיא ח**

מצינו בסוף פרשת תולדות, כי כפי מה שעשה יעקב, כן רצה גם עשו לעשות כדוגמתו

**היצט איז אַזוי.**

**אין פסוק** (תולדות כח, ו-ט) **שטייט אַזוי:**

**וַיַּרְא עֵשָׂו** [כִּי בֵרַךְ יִצְחָק אֶת יַעֲקֹב וְשִׁלַּח אֹתוֹ פַּדֶּנָה אֲרָם לָקַחַת לוֹ מִשָּׁם אִשָּׁה וגו׳, וַיִּשְׁמַע יַעֲקֹב אֶל אָבִיו וְאֶל אִמּוֹ וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם], **ער האָט געזען** [ווי] **דער פאָטער האָט אים** [יעקב] **געשיקט און ער איז געגאַנגען נעמען,** [וַיַּרְא עֵשָׂו] **כִּי רָעוֹת בְּנוֹת כְּנָעַן** [בְּעֵינֵי יִצְחָק אָבִיו], **האָט ׳ער אויך׳ אַזוי געטון**[סח]**,** [וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו אֶל יִשְׁמָעֵאל וַיִּקַּח אֶת מָחֲלַת בַּת יִשְׁמָעֵאל וגו׳ עַל נָשָׁיו לוֹ לְאִשָּׁה].

**קט**

**זעט מען דאָך** [אַז עֵשָׂו] **ער האָט געוואָלט אַלעס ׳נאָכטון׳** [דעס וואָס יעקב טוט]**.**

---

אמת וברור הוא שכל התורה מתחלת ספר בראשית עד לעיני כל ישראל הגיע מפיו של הקב״ה לאזנו של משה, כענין שנאמר להלן (ירמי׳ לו, יח) מפיו יקרא אלי את כל הדברים האלה ואני כותב על הספר בדיו. ○ הודיעו תחילה ענין בריאת השמים והארץ וכל צבאם, כלומר בריאת כל נברא העליונים והתחתונים, וגם כן כל הנאמר בנבואה ממעשה מרכבה ומעשה בראשית, והמקובל בהם לחכמים, עם תולדת ארבעה הכחות שבתחתונים, כח המחצבים, וכח צמחי האדמה, ונפש התנועה, ונפש המדבר. בכולם נאמר למשה רבינו בריאתם ומהותם וכחותם ומעשיהם ואפיסת הנפסדים מהם. **והכל נכתב בתורה, בפירוש או ברמז.** ○ וכבר אמרו רבותינו חמשים שערי בינה נבראו בעולם וכולן נמסרו למשה חוץ מאחד וכו׳. וכל הנמסר למשה רבינו בשערי הבינה, הכל נכתב בתורה בפירוש או ברמיזה בתיבות או בגימטריאות או בצורת האותיות וכו׳. ○ ושלמה המלך ע״ה שנתן לו האלקים החכמה והמדע, הכל מן התורה היה לו, וממנה למד עד שידע סוד כל התולדות, ואפילו כחות העשבים וסגולתם, עד שכתב בהן אפילו ספר רפואות, וכענין שכתוב (מלכים א׳ ה, יג) וַיְדַבֵּר עַל הָעֵצִים מִן הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר וכו׳ [ועיי״ש עוד].

[סז] **בגמרא פסחים** (נד.): תניא שבעה דברים נבראו קודם שנברא העולם, ואלו הן, **תורה**, ותשובה, וגן עדן, וגיהנם, וכסא הכבוד, ובית המקדש, ושמו של משיח. **תורה**, דכתיב (משלי ח, כב) **ה׳ קָנָנִי רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ** וכו׳.

**ובבראשית רבה** (ח, ב): שני אלפים שנה **קדמה התורה לברייתו של עולם**, הדא הוא דכתיב (משלי שם, ל) וָאֶהְיֶה אֶצְלוֹ אָמוֹן [וָאֶהְיֶה שַׁעֲשׁוּעִים ׳יוֹם יוֹם׳] וגו׳, ויומו של הקב״ה אלף שנים וכו׳. התורה יודעת מה קודם לברייתו של עולם, אבל אתה אין לך עסק לדרוש אלא מִנִּי שִׂים אָדָם עֲלֵי אָרֶץ (איוב כ, ד).

[סח] **וכפירוש רש״י** (כח, ז): וַיִּשְׁמַע יַעֲקֹב [אֶל יִצְחָק אָבִיו]. מחובר לענין של מעלה, **וַיַּרְא עֵשָׂו** כִּי בֵרַךְ יִצְחָק וגו׳ וכי שלח אותו פדנה ארם, וכי **שמע יעקב אל אביו והלך פדנה ארם**, וכי רעות בנות כנען, **והלך גם הוא אל ישמעאל.**

KolSatmar.com

### קי

**הקדמה ה - לישוב קושיא ח**

במדרש: בָּא אָחִיךָ ׳בְּמִרְמָה׳, בחכמת תורתו, וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ

[והנה ממה שנטל יעקב הברכות ראה עשו גודל כח חכמת התורה].

[דהנה] ס׳שטייט (תולדות כז, לה) [שאמר יצחק לְעֵשָׂו] **בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה,** [ופירשו חכז״ל (בראשית רבה סז, ד) **בְּחָכְמַת תּוֹרָתוֹ. ער האָט מיט די תּוֹרָה** [גענומען די ברכות].

**איך האָב שוין געזאָגט באריכות אין דעם**[סט]**, פאַרוואָס ער האָט דאָס צוגענומען** [על ידי חכמת התורה דייקא], **האָב איך שוין אַמאָל געזאָגט פְּשַׁט, בָּא אָחִיךָ שטייט בחכמת תורתו, וַיִּקַּח את בִּרְכָתֶךָ, ער האָט צוגענומען די ברכה בְּחָכְמַת תּוֹרָתוֹ.**

### קיא

ופירשתי, דהנה יצחק הצטער תחילה כשנתוודע שבירך
ליעקב, דאמר שמא יש בי עון שברכתי הקטן לפני הגדול

[ווייל] **לעולם איז דאָך אַזוי.**

**ס׳שטייט דאָך** [שאמר יצחק על יעקב] **גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה,** [ופירש רש״י[ע], ווייל יצחק אבינו] **ער האָט געהאַט יִסוּרִים** [ווייל] **ער האָט געקלערט** [שמא] **ער האָט נישט געטון כְּדִין,** [מיט דעם וואָס] **ער האָט געבענטשט דעם יונגערן פאַרן עלטערן.** [ולכן כששמע מעשו שיעקב לקח ממנו גם הבכורה, הסכים להברכות ואמר גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה].

### קיב

אמנם באמת שפיר מגיעות הברכות ליעקב, כי מעלת התורה קודמת למעלת הבכורה,
וכמבואר במדרש בענין הקדמת בני קהת שהם נושאי הלוחות, לבני גרשון שהוא הבכור

**און דער אֱמֶת שטייט דאָך** [אין מדרש[עא], בהפסוק] **נָשׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן,** [הדא הוא דכתיב] (משלי ג, טו) **יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים,** [ווייל] **כאָטשיג גֵּרְשׁוֹן איז געווען אַ בְּכוֹר, פונדעסטוועגן האָט מען געשטעלט קְהָת׳ן** [פריער], **ווייל די תּוֹרָה איז ׳פריער׳, אַז אַ תלמיד חכם אַ** [בעל] **תּוֹרָה איז ׳פריער׳ פון אַ בְּכוֹר.**

### קיג

ומתחילה רצה יצחק לברך את עשו בסוברו כי הוא הבכור, אלא שלאחר כך התנחם דשפיר בירך ליעקב, יען שיש בו מעלת התורה. כי אף כשעדיין חשב על עשו שהוא צדיק, אמנם שפיר ראה שיעקב עוסק תמיד בתורה, ולא עֵשָׂו

**איבערדעם ׳פריער׳,** [ווען] **ער** [יצחק] **האָט דאָך נישט געוואוסט אַז ער האָט**

---

[סט] עיין זה **בדברי יואל נשא** (עמוד קלד), **מליל שב״ק נשא תשכ״ו.**

[ע] **ברש״י תולדות** (כז, לו): **תנחומא, למה חרד יצחק, אמר שמא עון יש בי שברכתי קטן לפני גדול, ושניתי סדר היחס. התחיל עשו מצעק וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, אמר לו אביו מה עשה לך, אמר לו אֶת בְּכֹרָתִי לָקָח, אמר בכך הייתי מצר וחרד, שמא עברתי על שורת הדין, עכשיו לבכור ברכתי, גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה.**

[עא] **בבמדבר רבה** (ו, א): נָשׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן וגו׳. הדא הוא דכתיב יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ. תנינן תמן (הוריות יג.) חכם קודם למלך ישראל, מת חכם אין לנו כיוצא בו, מלך ישראל שמת כל ישראל ראויין למלכות, המלך קודם לכהן גדול וכו׳, כהן גדול קודם לנביא וכו׳ כהן הדיוט קודם ללוי, לוי קודם לישראל, ישראל לממזר וכו׳. אימתי בזמן שכולן שוין, אבל אם היה ממזר תלמיד חכם, קודם לכהן גדול עם הארץ, שנאמר יקרה היא מפנינים וכו׳. ○ דבר אחר יקרה היא מפנינים, מדבר בקהת וגרשון, אע״פ שגרשון בכור ומצינו שבכל מקום חלק הכתוב כבוד לבכור, לפי שהיה קהת טוען הארון ששם התורה הקדימו הכתוב לגרשון, שבתחלה אמר (במדבר ד, ב) נָשׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת, ואחר כך אומר (נשא ד, כב) נָשׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן וגו׳, הוי יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים, מבכור שיצא ראשון, ואין פנינים אלא תחלה, כמה דתימא (רות ד, ז) וְזֹאת לְפָנִים בְּיִשְׂרָאֵל.

KolSatmar.com

אָפּגעקויפט די בְּכוֹרָה, האָט ער נישט געהאַט קיין עֵצָה [ולכן רצה לברך את עשו כי הוא הבכור].

פונדעסטוועגן [׳שפּעטער׳ כשנתוודע שבירך את יעקב ונצטער שמא יש בידי עָוֹן שברכתי קטן לפני גדול], האָט ער זיך באַרואיגט [מיט די ׳חכמת תורתו׳ פון יעקב], ווייל ער האָט דאָך געזען אַז יעקב אבינו איז דאָך געוועזן דער מְקוֹר הַתּוֹרָה, [ומעלת התורה קודמת למעלת הבכורה].

אפילו ער האָט אים [עֵשָׂו אויך] געהאַלטן פאַר אַ צַדִּיק, אָבער קיין תּוֹרָה דאָרטן האָט ער נישט געזען, האָט ער זיך באַרואיגט אַז מיטן כֹּחַ הַתּוֹרָה קומט ׳ער׳ פריער.

**קיד**

וזהו שאמר לעשו בָּא אָחִיךָ ׳בחכמת תורתו׳, ולכן שפיר וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ

[וזהו שאמר יצחק לעשו] **בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה ׳בחכמת תורתו׳, וַיִּקַּח את בִּרְכָתֶךָ.**

לעולם איז דיר געקומען [די ברכה, ווייל] דו ביסט אַ בְּכוֹר. נאָר וואָס דען, ער איז געקומען מיט דער סְבָרָא [שכח התורה קודם למעלת הבכורה, ער איז געקומען] **מיט תּוֹרָה.**

**קטו**

וכשאמר לו עשו שיעקב לקח ממנו גם הבכורה, שוב אמר יצחק ׳גַּם׳ בָּרוּךְ יִהְיֶה בכפילא, דעתה ראוי יעקב לברכה הן מצד מעלת התורה והן מצד מעלת הבכורה

דערנאָכדעם [׳נאָך שפּעטער׳ כשאמר לו עשו וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, אֶת בְּכֹרָתִי לָקָח וְהִנֵּה עַתָּה לָקַח בִּרְכָתִי] איז ער געוואָר געוואָרן אַז ער איז טאַקע שוין אַ בְּכוֹר אויך, האָט ער געזאָגט ׳גַּם׳ בָּרוּךְ יִהְיֶה, איז ער שוין ׳טאָפּלט׳ צופרידן געוועזן, [כי ראה שהברכות מגיעות ליעקב הן מצד מעלת התורה, והן מצד מעלת הבכורה].

[עד כאן ממה שאמרתי בביאור הפסוק בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ].

**קטז**

והנה מכל זה ראה עשיו את גודל מעלת התורה, עד שעי״ז זכה יעקב בהברכות.
ולכן נתעורר אז חשש גדול, שלא יבא עשו להעמיד כח התורה משלו

[וממילא פון דעם] **האָט ער** [עֵשָׂו] **געזען עפּעס** [אַז] **דער כֹּחַ הַתּוֹרָה איז זייער גרויס, מיטן כֹּחַ הַתּוֹרָה ווערט מען** [ווי] **אַ בְּכוֹר**[עב].

**קיז**
**ישוב קושיא ח**

ולכן בשעתו החזיקו זאת בסוד כמוס, מה שיעקב נתיישב בישיבת בית עבר לעסוק שם בתורה. יען כי עשיו היה דרכו לעשות ככל מה שראה אצל יעקב (כדי לרמות את הבריות), וחששו שלא יבוא גם עשו להתוועד עם ישמעאל ולקבוע ישיבה משלהם, ואז יוכל להעיז פניו יותר נגד התורה בגילוי פנים שלא כהלכה, וישתמש בזה ללחום נגד כח תורתו של יעקב

נו ער האָט דאָך געוואָלט אַלדינגס טון וואָס מ׳האָט אים געזאָגט [ליעקב, כדי לצוד ולרמות את הבריות אחריו. וממילא אלמלי] אַז ער העט גיוועזן געהערט [כי יעקב] ער איז געגאַנגען אין אַ יְשִׁיבָה אַריין, העט ׳ער׳ [עשו] **שוין אויך גיוועזן געמאַכט אַ יְשִׁיבָה.**

אַזוי ווי ער איז געגאַנגען צו יִשְׁמָעֵאל׳ן, ער האָט גענומען מִבְּנוֹת יִשְׁמָעֵאל [נאָכצוטון יעקב] (וכדלעיל באות קח). **האָט ער געקענט** [להתייעץ עם] **יִשְׁמָעֵאל׳ן** [ולומר לו]

---

[עב] ועל כן גדלה החשש פי כמה, שמא על ידי שישמע עשו שיעקב נתיישב ונקבע בישיבת בית עבר לעסוק בתורה, יעשה עשו גם כן ישיבה לעצמו, וכדלהלן בההמשך.

KolSatmar.com

**לאָמיר זיך אָפּשמועסן** [צו מאַכן אַ ״יְשִׁיבָה״], **- בַּעֲלֵי מוֹחוֹת זענען זיי** [דאָך] **געווען,** [והיה בכחם להיות ׳תופסי ישיבות׳], **- אונז וועל מיר ׳אַהערשטעלן׳ אַ כֹּחַ הַתּוֹרָה, און אַלדינגס וועל מיר אַריינשטעלן אין די תּוֹרָה, אַזוי ווי ׳ער׳** [יעקב] **טוט.**

**׳ער׳ איז בְּבֵית שֵׁם וְעֵבֶר,** [און] **ער שטעלט אַריין** [את דבריו הקדושים] **אין ׳זיין׳ תּוֹרָה. ׳אונז׳ וועל מיר אַריינשטעלן אין די זעלבע תּוֹרָה** [את הדברים שלנו].

**קיח**

**- אַזוי ווי מ׳טוט היינט בעוונותינו הרבים.**

[אויף] **אַלדינגס זאָגט מען** [אַז דאָס] **איז על פי התורה, און מ׳טרעפט אויף דעם, מ׳טרעפט רבנים, מ׳טרעפט ישיבות, וואָס ס׳ווערט אַזוי איינגעפּרעגט** [די פּאַלטשע פְּשָׁטִים שבתורה].

**אַלעס איז ׳תּוֹרָה׳. -**

**קיט**

[און אַז] **עֵשָׂו וועט אויך מאַכן אַ ׳יְשִׁיבָה׳?**

**ממילא איז דאָך אַן אוּמְגְלִיק! איז דאָך אַ צָרָה!**

**קכ**

**- מילא היינט, האָבן זיי זיך שוין מקדים געווען** [לעשות ישיבות משלהם].

**היינט קאָן מען שוין נישט** [טון אַזוי, היינט] **איז שוין נישטאָ די עֵצָה** [להחזיק זה בסוד], **מ׳קען שוין נישט האַלטן היינט בְּסוֹד,** [ווייל] **ס׳איז שוין נישט קיין נפקא מינה.**

[אָבער] **דעמאָלטס איז דאָך עס נאָכנישט געווען** [אַזוי]. **ס׳איז געווען אַ סוֹד. -**

(ראה עוד בזה, באות קנז)

**קכא**

**האָט ער** [יעקב] **אַ קוק געגעבן: דאָס מוז ער טון בְּסוֹד.**

**קיינער טאָר נישט וויסן פון דעם,** [אַז] **ער איז געגאַנגען לְשֵׁם וְעֵבֶר.**

[ומכיון ׳שבשעתו׳ היה הדבר בְּסוד, אף הכתוב לא פירסמו. ולכן] **אין פסוק שטייט נישט אַז ער** [יצחק] **האָט אים ׳געשיקט׳**[עג] [לבית עבר], **און** [אַז] **ער איז ׳געגאַנגען׳**[עד] [יעקב לשם], **גאָרנישט שטייט נישט.**

**קכב**

ורק משנותיו של ישמעאל למדנו זאת, כי זה רומז הטעם שהיה הדבר בסוד, דהוא מחשש שלא ילך עשו אל ישמעאל גם בענין זה, לקבוע ישיבה ומקום תורה שלא כהלכה

**נאָר אַז מ׳קוקט אָן די יאָרן פון יִשְׁמָעֵאל׳ן** [שם נרמז חשבון י״ד שנים שנטמן יעקב בבית עבר, ונרמז הדבר דייקא אצל ישמעאל, לרמז טעם הסוד, ווייל אַז] **מ׳זעט דעם כח פון יִשְׁמָעֵאל׳ן** [שרצה עשו להתוועד ולהשתתף עמו, לעומת כח התורה של יעקב], **קאָן מען פאַרשטיין דעם יסוד** [וטעם הדבר]. **קאָן מען פאַרשטיין דעם יסוד פאַרוואָס דאָס האָט געמוזט זיין בְּסוֹד.**

**קכג**

**איבערדעם על כל פנים אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה קאָן דאָס נישט שטיין** [אָפען].

**דאָס איז דער טעם, ווייל ס׳איז** [בשעתו] **געבליבן בְּסוֹד.**

---

[עג] עיין לעיל באות כד.

[עד] עיין לעיל באות כ-כג.

KolSatmar.com

קכב

# ישוב הקושיות בפסוק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ

הקדמה לישוב קושיא ה-ז

**נאָר דעס וואָס ער האָט געזאָגט עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, האָב איך געקלערט קען מען אפשר זאָגן.**

[בהקדם וואָס] **דער טאַטע זכרונו לברכה האָט אַמאָל געזאָגט.**

**דאַכט זיך מיר ס׳שטייט אין קדושת יום טוב ערגעץ**[עה]**,** [נאָר] **איך געדענק איך האָב עס** [אַליין] **געהערט פון אים. און דאַכט זיך מיר ס׳שטייט אין קדושת יום טוב אויך.**

קכג

איתא במדרש: וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב, זו תורה, לפיכך משה מזהיר עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר

[דהנה] **דער מדרש זאָגט**[עו]**, וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב** (תבוא כו, יא)**, אֵין ׳טוב׳ אלא תורה,**

---

[עה] **בקדושת יום טוב פרשת לך** (בפסוק וברוך קל עליון)**: ונקדים עוד מה שהביא בספר אגרא דפרקא** (אות קפז)**, מה** דאיתא בגמרא (כתובות נ.) המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, הוא דוקא במי שלא חטא ונותן צדקה רק לקיים מצות צדקה, אז יש שיעור וגבול מצוה מן המובחר ליתן חומש, ויליף לה **בגמרא כתובות** דף נו״ן מדכתיב (בפרשתן כח, כב) עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, ופירש רש״י (בכתובות שם) **שני עישורין**, משא׳ במי שֶׁחָטָא ונותן צדקה על דרך וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק (דניאל ד, כד), ורוצה להמשיך על עצמו אור הנערב מבחינת סובב כל עלמין, אין לַדָּבָר שיעור, וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ (איוב ב, ד), ולא יהיה גרע רפואת הנפש מרפואת הגוף כו׳, עכ״ד. ○ והנראה לי בס״ד וכו׳, בהקדם מה שפירשתי (בקדושת יו״ט פרשת תרומה, מובא להלן) **המדרש הובא בספר ישמח משה פרשת תבא**, על הפסוק **וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב, אין טוב אלא תורה לפיכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר** (יד כב), עד כאן. והוא תמוה וכו׳. ○ והנה מבואר בספרים הקדושים ובספר **אגרא דפרקא** (אות קפז) בשם **כתבי הגאון הקדוש מוהרש״ז זצ״ל** (הובא לקמן) דהיינו דוקא במי שלא חטא, כמו שכתבתי בדיבור הקודם, עיי״ש. ○ והנה ידוע אמרם ז״ל (סוטה כא.) דתורה מגינא ומצלי, רצ״ל שמגינא עליו שבאם ח״ו נפש כי תחטא, אז מתקן מעשיו ע״י לימוד בתורה הקדושה, ויצא מטוהר ומזוכך, כמו שאמרו ז״ל (ויקרא רבה כה, א) **למד דף אחד ילמוד ב׳ דפים כו׳, ואין לך דבר לטהר הנפש מחלאתו ומטומאתו כמו התעסקות בתורה הקדושה.** וגם מצלי, כאומרם ז״ל (קידושין ל:) בראתי יצר הרע בראתי תבלין ויעסוק בתורה. לכן זאת העצה היעוצה, לעסוק בתורה הקדושה ובה יהגה יומם ולילה, ועל ידי זה יהיה טהר גברא, ויצא פלוני נקי מעונותיו. ואז אם יקיים מצות צדקה, תהיה המצוה כאחת משאר מצות ה׳, ויש לה גבול גם כן, כמו שגבלו ראשונים חז״ל מעשר או חומש כנ״ל. ○ וזה שאמר המדרש, **ושמחת בכל הטוב, אין טוב אלא תורה**, דעל ידי התורה מטיב נפשו לְטַהֲרָהּ מכל שמץ חטא ועון, וגם שלא יבא לידי חטא להבא. ואם כך הוא עושה, אז יש גבול להצדקה, ובזה האופן **משה מזהיר את ישראל עשר תעשר**, ונתן גבול כמה יתן להעני, היינו על פי תורה הקדושה מעשר, או לפום שיעורא דרבנן **שני עישורין**, וזה גם כן מרומז בתיבות ״עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר״, שני עישורין. וגם שם רומז למעשר כספים כמובא **בשולחן ערוך** הלכות צדקה (יו״ד סימן רנו-רנז), יעיין **בב״ח** (שם) ובאחרונים ז״ל.

ועיין זה גם **בקדושת יום טוב** ריש תרומה וז״ל: והנראה לי בהקדים לפרש **המדרש** בפרשת תבא הובא בספר **ישמח משה** למורי זקני זלה״ה, **ושמחת בכל הטוב, אין טוב אלא תורה**, שנאמר (משלי ד, ב) כי לקח טוב וגו׳, **לכך משה מזהיר את ישראל עשר תעשר**. דהנה כתב בספר **אגרא דפרקא** בשם **כתבי מוה״ר שניאור זלמן זצ״ל** (הובא לקמן) על מה דאמרו ז״ל המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, דהוא דוקא במי שלא חטא, ונותן צדקה לקיים מצות צדקה, אז יש לה שיעור וגבול, כי מצוה מן המובחר ליתן חומש, ויליף לה מדכתיב ״עשר תעשר״, פירש רש״י שני עישורין דהיינו חומש, עיין בגמרא כתובות דף נ׳. אך יוצא גם כן במעשר. משא״כ מי שחטא ונותן צדקה להמשיך על עצמו אור נערב מבחינת סובב כל עלמין, אין לדבר שיעור, וכל אשר יש לו לאיש יתן בעד נפשו, ולא יהיה רפואת הנפש גרע מרפואות הגוף, דהנה ברפואת הגוף בודאי לא אמרינן שלא יבזבז יותר מחומש, כי וָחַי בָּהֶם כתיב (אחרי יח, ה), עכ״ד. ○ והנה אמרו ז״ל (קידושין ל:) בראתי יצר הרע בראתי תבלין וזו התורה, וזולת זאת אי אפשר להנצל מהיצר הרע שלא יחטא, ואך התורה מגינא ומצלא, כדאיתא במסכת סוטה. וא״כ ע״י התורה יוכל לבא למדרגה ליתן צדקה לקיים מצות צדקה שציונו הבורא ית״ש, וממילא אינו מחויב ליתן יותר מכפי שיעור הקצוב בגמרא, אבל זולת התורה אי אפשר שלא יחטא, אם כן אין לדבר שיעור כמה שיתן, כי כל אשר יש לו יתן בעד נפשו כנ״ל. ○ וזה אמרו במדרש **אין טוב אלא תורה**, ועל ידי התורה יוכל להנצל מן היצר הרע שלא יחטא, על כן משה מזהיר לישראל עשר תעשר, כי די בזה לקיים מצות צדקה, והוא ע״י התורה, כי זולת התורה כל אשר לו יתן בעד נפשו ואין שיעור וקצבה לדבר.

[עו] **בתנחומא** ראה (סימן יא), ומביאו הישמח משה בפרשת תבוא, וכמו שציין בקדושת יו״ט.

KolSatmar.com

**לכך משה מזהיר את ישראל עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר** (ראה יד, כב). [וצריך ביאור שייכות הענינים].

**קכד**

ומפרש הקדושת יום טוב, דהנה כתב בתניא דמה שאמרו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, הוא רק לענין קיום מצות צדקה. אבל לענין החוטא שצריך ליתן צדקה בעד כפרת עונו, אין לדבר קצבה, כי כל אשר יש לאיש יתן בעד נפשו

**זאָגט ער** [הקדושת יו״ט] **אַזוי.**

**וואָרן לעולם - ברענגט ער - ס׳שטייט**[עז]**,** [און] **דער תניא שמועסט דערפון אויך**[עח] **- די אַלע שיעורין** [שאמרו בנתינת צדקה]**, מעשר, צי וואָס,** [זהו רק במי שלא חָטָא]**, אָבער אַז איינער האָט געזינדיגט,** [איז דאָך] **וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק** (דניאל ד, כד)**, ער ברויך זיך ׳לייזן׳**

---

[עז] **באגרא דפרקא** (אות קפז), כמובא בקדושת יו״ט דלעיל.

[עח] **בליקוטי אמרים תניא** (אגרות הקודש, פרק י): והנה לפי שהמצות ניתנו לנו ע״י התלבשות במדת גבורה וצמצום ההארה כו׳, לכן רוב המצות יש להן שיעור מצומצם, כמו אורך הציצית י״ב גודלין וכו׳, וכן בקרבנות יש להן שיעור מצומצם לזמן, כמו כבשים בני שנה ואילים בני שתים וכו׳. **וכן במעשה הצדקה וגמילות חסדים בממונו,** אף שהוא מהעמודים שהעולם עומד עליהם, וכדכתיב (תהלים פט, ג) עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה, **אפילו הכי יש לה שיעור קצוב, חומש למצוה מן המובחר, ומעשר למדה בינונית** כו׳ וזה נק׳ חסד עולם, פירוש חסד קַל כל היום המתלבש בעולמות עליונים ותחתונים, על ידי אתערותא דלתתא **היא מצות הצדקה וחסד שעושים בני אדם זה עם זה,** ולפי שהעולם הוא בבחינת גבול ומדה, מהארץ עד לרקיע ת״ק שנה וכן מרקיע לרקיע כו׳, ושית אלפי שני הוי עלמא כו׳, לכן ניתן שיעור ומדה גם כן למצות הצדקה והחסד שבתורה, כמו לשאר מצות התורה. ○ אך היינו דוקא לשומר התורה ולא סר ממנה ימין ושמאל אפילו כמלא נימא, **אבל מי שהעביר עליו הדרך ח״ו,** מאחר שהעושה דרכו לתת מגרעות בקדש העליון, שגרע ערכו בחינת המשכתו מה שהיה יכול להמשיך מבחינת אלקותו והארת האור מאור אין סוף ב״ה אילו היה שומר התורה ומקיימה כהלכתה, הרי מעוות זה לא יוכל לתקן כי אם בהמשכת האור העליון שלמעלה מהעולמות, ואינו מתלבש בהן, הנקרא חסד עילאה ורב חסד, לפי שמאיר ומתפשט בבחינת אין סוף בלי גבול ומדה וכו׳ וכשהאדם ממשיכו למטה במעשיו ואתערותא דלתתא, אזי אור עליון זה מאיר ומתפשט תוך העולמות ומתקן כל מעוות וכל מגרעות שניתנו בקדש העליון ומחדש אורן וטובן ביתר שאת ויתר עז בבחינת אור חדש ממש, לכן אמרו (ברכות לד:) במקום שבעלי תשובה עומדין וכו׳. והנה עיקר התשובה הוא בלב, כי על ידי החרטה מעומקא דלבא מעורר עומק אור העליון הזה, אך כדי להמשיכו להאיר בעולמות עליונים ותחתונים צריך אתערותא דלתתא ממש בבחינת מעשה, **דהיינו מעשה הצדקה וחסד בלי גבול ומדה וכו׳,** ועי״ז נתקנו כל הפגמים שפגם האדם בעונותיו למעלה בעולמות עליונים ותחתונים. וזהו שנאמר (משלי כא, ג) עֲשֹׂה צְדָקָה וּמִשְׁפָּט נִבְחָר לַה׳ מִזָּבַח, לפי שהקרבנות הן בבחי׳ שיעור ומדה וגבול, משא״כ בצדקה, שיוכל לפזר בלי גבול לתקן עונותיו. **ומה שאמרו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, היינו דוקא במי שלא חטא, או שתקן חטאיו בסיגופים ותעניות כראוי,** לתקן כל הפגמים למעלה. **אבל מי שצריך לתקן נפשו עדיין, פשיטא דלא גרעה רפואת הנפש מרפואת הגוף, שאין כסף נחשב, וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ כתיב.** והנה מדת חסד זו בלי גבול ומדה נקראת על שמו של הקב״ה, חסדי ה׳, כדכתיב (תהלים קג, יז) וְחֶסֶד ה׳ מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם כו׳, כי הגם שכל ישראל הם רחמנים וגומלי חסדים, ברם יש גבול ומדה לרחמי האדם, אבל הקב״ה נקרא אין סוף ב״ה, ולמדותיו אין סוף, כדכתיב (איכה ג, כב) כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמָיו וכו׳. וזה שאמר הנביא (שם) אחר החורבן והגלות חסדי ה׳ כי לא תמנו וגו׳, פי׳ לפי שלא תמנו, שאין אנו תמימים ושלמים בלי שום חטא ופגם בנפש ובעולמות עליונים, על כן צריכין אנו להתנהג בחסדי ה׳ שהם בלי גבול ותכלית, כדי לעורר עלינו רחמים וחסד עילאה שהוא רב חסד ורחמים בלי גבול ותכלית, כמ״ש כי לא כלו רחמיו וגו׳. וזהו שאמרו רז״ל (שבת קלט.) אין ישראל נגאלין אלא בצדקה שיעשו וכו׳.

**ועוד שם** (אגרת התשובה, פרק ג): והנה חכמי המוסר האחרונים נחלקו במי שחטא חטא אחד פעמים רבות, דיש אומרים שצריך להתענות מספר הצומות לאותו חטא פעמים רבות כפי המספר אשר חטא וכו׳. אכן מספר הצומות העודפים על רנ״ב וכהאי גוונא, שהיה צריך להתענות לחוש לדעת המחמירים להתענות מספר הצומות שעל כל חטא וחטא, כפי מספר הפעמים שחטא כנ״ל, **יפדה כולן בצדקה** ערך ח״י ג״פ בעד כל יום. וכן שאר כל תעניות שצריך להתענות על עבירות שאין בהן מיתה, ואפי׳ על ביטול מצות עשה דאוריתא ודרבנן, ותלמוד תורה כנגד כולם, כפי המספר המפורש בתיקוני התשובה מהאר״י ז״ל, ורובם נזכרים במשנת חסידים במסכת התשובה, הכל כאשר לכל יפדה בצדקה כנ״ל אי לא מצי לצעורי נפשיה כנ״ל. ○ **ואף שיעלה לסך מסויים אין לחוש משום אל יבזבז יותר מחומש, דלא מקרי בזבוז בכהאי גוונא, מאחר שעושה לפדות נפשו מתעניות וסיגופים, ולא גרעא מרפואת הגוף ושאר צרכיו.** ולפי שמספר הצומות המוזכרים בתקוני תשובה הנ״ל רבו במאד מאד, לכן נהגו עכשיו כל החרדים לדבר ה׳ להרבות מאד מאד בצדקה, מחמת חלישות הדור דלא מצו לצעורי נפשם כולי האי.

KolSatmar.com

[פון די עוונות, איז] **כֹּל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ** (איוב ב, ד), [ואם כן] **וואָס קען מען אים זאָגן** [ליתן רק] **מַעֲשֵׂר, מַעֲשֵׂר צי חוֹמֶשׁ.**

**חלילה אַז ער איז נישט געזונט** [בגוף, און] **ער גייט צו אַ דאָקטאָר, גיט ער** [דאָך] **אַוועק** [אפילו] **דאָס גאַנצע פאַרמעגן** [כדי] **ער זאָל זיך היילן.**

**קכה**

ועל דרך זה ביארתי גם דברי המדרש דצריך אדם ליתן כל ממונו לתלמוד תורה, כי גם התורה מכפרת עָוֹן

– **׳איך׳ האָב געזאָגט**[עט] [די זעלבע לענין פיזור ממונו עבור ׳החזקת התורה׳, דהנה] **ס׳שטייט, דער מדרש זאָגט**[פ] **מ׳דאַרף אַוועקגעבן כָּל אֲשֶׁר לוֹ פאַר תַּלְמוּד תּוֹרָה,** [וביארתי[פא], דהיינו באופן] **אַז דו האָסט געזינדיגט** [וצריך ליתן לכפרה אפילו כל ממונו, על דרך האמור בתניא לענין סְתַם צדקה]. –

**קכו**

ומוסיף הקדושת יו״ט על דברי התניא, דמכיון שגם תלמוד תורה מכפרת עָוֹן,
אם כן העוסק בתורה שוב אין צריך ליתן כל ממונו לצדקה עבור כפרת עָוֹן

**זאָגט ׳ער׳** [הקדושת יו״ט], **נאָר די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** [לעסוק בתורה] **איז דאָך אויך מְכַפֵּר עָוֹן.** [ואם כן העוסק תמיד בתורה, שוב אין צריך ליתן כל ממונו לצדקה עבור כפרת עָוֹן, כי מתכפר לו על ידי עסק התורה].

**קכז**

ובזה מבאר כוונת המדרש, וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל הַטּוֹב זו תורה, שהיא המכפרת עָוֹן, וגם מצלת מן העון. לפיכך משה מזהיר עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר, דדי לך בנתינת מעשר, או חומש (שהוא ב׳ עישורין), ואינך צריך ליתן כל ממונך לכפרת עָוֹן

[ובזה מבואר דברי במדרש], **וְשָׂמַחְתָּ בְּכָל ׳הַטּוֹב׳, אֵין טוב אלא ׳תּוֹרָה׳, זאָלסט דָבוּק זיין אין די תּוֹרָה,** [וואָס] **ס׳וועט דיך מַצִּיל זיין פון אַן עָוֹן. לכך משה מזהיר את ישראל ׳עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר׳,** [שאז סגי ליתן לצדקה רק כשיעור מעשר, או כשיעור חומש שהוא שני עישורין, ולמדוהו מפסוק זה. אָבער] **אַז נישט,** [אם אינך דבוק בתורה לכפר עָוֹן ולאצולי מעון[פב], דעמאָלטס] **קען איך דיר נישט זאָגן** [רק] **׳עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר׳** [בלבד], **וואָרן ס׳האָט דאָך קיין שיעור נישט** [מה שצריך ליתן לצדקה עבור כפרת העון, ואפילו כל הונו ורכושו].

**אַזוי האָט דער טאַטע זכרונו לברכה געטייטשט.**

**קכח**

**ישוב קושיא ה-ז**

ולפי דרכו בלשון הפסוק ׳עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר׳ ,יתפרש גם כוונת הכתוב בכאן, שאמר יעקב אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וְשַׁבְתִּי ׳בְשָׁלוֹם׳, דהיינו שלם מן החטא וכפירש״י, וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי ׳עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ׳ לָךְ, שאז אשאר במדריגה דסגי ליתן רק מעשר או חומש, ולא אצטרך ליתן כל הוני לצדקה. ולזה אמר ״לָךְ״, דהיינו לשם ה׳ בלבד, ולא לצורך תיקון שלי עבור כפרת החטא

**דאָס קאָן זיין האָט יעקב אבינו געזאָגט.**

**אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וְשַׁבְתִּי ׳בְשָׁלוֹם׳** [אֶל בֵּית אָבִי], **זאָגט רש״י, שלם מן החטא, אַז איך וועל נישט האָבן קיין חטא, שלא אֶלְמַד מדרכי לבן.**

---

[עט] עיין זה במסיבה מוצש״ק ויצא תש״כ (נדפס בלשה״ק בחידושי תורה למסיבות). וגם שם מפרש רבינו על פי זה את הפסוק עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ, וכענין שמפרש בכאן.

[פ] בתנחומא צו (סימן יד): ראו כמה חביבה קריאת תורה לפני הקב״ה, כי יש חיוב באדם לתת כל ממונו ללמד תורה לעצמו ולבניו וכו׳. ואשרי האיש העוסק בתורה והנותן ממונו ללמד תורה לבנו, כי בשביל הממון שהוא נותן ללמוד זוכה לחיי העולם הבא, שנאמר (נצבים ל, כ) כי הוא חייך ואורך ימיך, חייך לעולם הבא, ואורך ימיך לעולם שהוא ארוך.

[פא] ועיין עוד כמה דרכים בזה, במסיבה מוצ״ש ויצא תשט״ז (לשון קדשו קונטרס מב).

[פב] לפי המבואר בקדושת יו״ט, עיי״ש היטב.

KolSatmar.com

[און] אַז איך וועל נישט האָבן קיין חטא, [איז] וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי ׳עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ׳ לָךְ, דעמאָלטס וועט מיר געננוג זיין ׳מַעֲשֵׂר׳, [או ׳חוּמֶשׁ׳ שהוא ב׳ עישורין].

[ודקדק במילת ״לָךְ״ לומר שבאופן זה תהיה הנתינה רק לשמו יתברך[פג], כדי לקיים מצות צדקה שאמר ונעשה רצונו, ולא עבור עצמו, כדי לרפאות את נפשו בכפרת עָוֹן. (דברי יואל)].

### קכט

וואָרן טאָמער חלילה נישט דאָס [באם לא יהיה שלם מן החטא], איז דאָך נישטאָ דאָס געלט [בעולם, עד כמה צריך ליתן לכפרת עָוֹן], כָּל אֵילֵי נְבָיוֹת[פד].

וואָרן בעוונינו הרבים [אַז] מ׳איז פיל מיט עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, איז זייער שווער אַז מ׳קאָן זיך אויפהאַלטן [בלא כח הצדקה וכח לימוד התורה], איז נישט פאַרהאַנדן [די שיעור קצוב פון מעשר וחומש].

### קל

ומאמר עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, אינו מכלל הנדר, אלא מכלל התפילות שהתפלל יעקב שיזכה להשאר במדריגה זו

[ונמצא דמה שאמר יעקב עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, היה בזה תפילה לה׳ שיהא נשאר תמיד בבחינה זו שיהא שייך אצלו שיעור זה של מעשר או חומש שגבלו חכז״ל במצות צדקה. ולא ח״ו שיצטרך ליתן בעד נפשו על דרך וַחֲטָאָךְ בִּצְדָקָה פְרֻק, שאז אין לדבר שיעור, וכל אשר לו צריך ליתן לתיקון נשמתו.

ומעתה לא קשה עוד למה היה הצורך בנדר אחרי שממילא קיים יעקב אבינו כל התורה, ובפרט מצות מעשר שנהגו האבות האבות. כי לדרכינו אפשר לומר שזה המאמר וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, אין זה בכלל הנדר שהתחיל בו, רק זה הוא נכלל בהתנאים שהתנה יעקב אבינו, ומוסב על מה שאמר למעלה וְשַׁבְתִּי בְשָׁלוֹם אֶל בֵּית אָבִי, שלם מן החטא, אלא שהפסיק באמצע במאמר הנדר [וְהָאֶבֶן הַזֹּאת וגו׳ יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים], אבל עצם קיום הנדר הוא רק מה שקיבל עליו לעשות האבן מצבה, ולא זולת. (מדברי יואל)].

### קנז

נאָר איין זאַך קען זיין [א חילוק, בין מה שפירשנו לעיל בטעם שהעלים הכתוב ישיבת יעקב בבית עבר, ובין המצב דכהיום].

[ווען] יעקב אבינו האָט דאָרט געוואָלט אַהערשטעלן יְשִׁיבַת שֵׁם וְעֵבֶר, האָט ער געמוזט האָבן אַ סוֹד, [מפני החשש] פאַר עֵשָׂו׳ן, אַז נישט העט ׳ער׳ [עשו] אויך גיוועןן געקומען [אין ישיבה].

[אָבער] אונז האָב מיר שוין נישט מורא פאַר דעם אַז מ׳וועט קומען [צו אונז, ווייל אותן שמבחוץ] ׳זיי׳ וועלן נישט קומען, אויף ׳סאַקמיר׳[פה] וועלן זיי נישט קומען, אפילו ס׳וועט זיין בְּגָלוּי, אפילו ס׳זאָל נישט זיין קיין סוֹד.

[וממילא] אונז דאַרף מיר נישט מאַכן קיין סוֹד, ביי אונז איז פונקט פאַרקערט, מ׳ווייסט עס. היינט זענען זיי שוין אַזוי, אַז מ׳האָט פאַר דעם נישט קיין מורא.

---

[פג] על דרך ׳לי׳ לשמי.

[פד] מלשון הסליחות לצום גדלי׳ (ד״ה אמנת מאז): מַהֵר הַיָּחִיד וְשָׁב בֵּינְתַּיִם, מוֹחֲלִין לוֹ. נוֹאָשׁ וְלֹא שָׁב, אֵין תַּקָּנָה לְעִוּוּלוֹ. סִדֵּר וְעָרַךְ כָּל אֵילֵי נְבָיוֹת לְהוֹעִילוֹ. עוֹתֵר וְצוֹעֵק וְאֵין שׁוֹמֵעַ לוֹ.

והוא מלשון הפסוק בישעי׳ (ס, ז) אֵילֵי נְבָיוֹת יְשָׁרְתוּנֶךְ. והפירוש, כי הָאֵילִים הבאים ממקום נְבָיוֹת המה משובחים ביותר.

[פה] כן היה רבינו רגיל לכנות שם העיר ״סאטמאר״ ושם הקהלה, וכן היה דרכו להזכיר שמות שאר עיירות בשינוי קצת, על דרך הכתוב (מטות לב, לח) מוּסַבֹּת שֵׁם, עיי״ש ברש״י. וידוע שכן נהג מרן הדברי חיים בזה.

קסה

## ברכת הקודש

און דער אייבירשטער זאָל העלפן:

מ׳זאָל טאַקע נאָך זען טאַקע דורות, און דורֵי דורות.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

ס׳זאָל נישט [דאַרפן] לאַנג דויערן, דער גאַנצער פּלאָג.

[נאָר] מ׳זאָל מיר בִּמְהֵרָה זוֹכֶה זיין, בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, [אַז] ווען מ׳וועט אַקעגן גיין מָשִׁיחַ׳ן זאָל מיר האָבן מיט ׳וואָס׳ אַקעגן צו גיין מָשִׁיחַ׳ן!

מיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן!

מיט אִידִישְׁקֵייט!

מיט כְּבוֹד שָׁמַיִם!

קסו

דער אייבירשטער זאָל העלפן טאַקע:

די אַלע אידן, די אַלע וואָס זיי נעמען טייל, ס׳זאָל טאַקע זיין כִּי ׳גָדַל מְאֹד׳, ס׳זאָל טאַקע ׳וואַקסן געלט׳ אויכעט.

[אין] פַּשְׁטוּת, ס׳שטייט כִּי ׳גָדַל׳ מְאֹד, ס׳זאָל טאַקע ׳מיטוואַקסן׳.

דער אייבירשטער זאָל העלפן טאַקע ביי די אַלע אידן, אַז זיי זאָלן ׳קענען׳ ווייטער [זיך משתתף זיין].

נאָר וואָס דען, מ׳דאַרף צו ׳וועלן׳, און מ׳דאַרף צו ׳טון׳. און דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל טאַקע ׳קענען׳, מ׳זאָל האָבן סַיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא [דערצו].

(וכדלעיל בח״א, אות פ, קנב, קסד).

מ׳זאָל מיר געהאָלפן מיט כָּל מִינֵי יְשׁוּעוֹת, ברוחניות ובגשמיות.

ס׳זאָל נִתְקַדֵּשׁ ווערן שֵׁם שָׁמַיִם עַל יָדֵינוּ במהרה.

בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

KolSatmar.com